The term "racism" is defined, inter alia, as "any program or practice of racial disrimination, segregation, persecution and domination based on . . . " race. These days many a human conflict which has its roots in economics and international politics is described emotively as racial. Colonialist exploitation is bad — full stop. Reducing it to racialism doesn't make it worse, but it's both inaccurate and dangerous to do so. Dangerous because it tends to overlook colonialist designs on the part of a power of the same "race". Dangerous also because it is becoming an accepted axiom that only non-whites can be on the receiving end of racism, and only whites can be guilty of it. Racism as defined had been used by many to rationalise their oppression of the Africans, Asians and the American blacks, but it is nonsense to imply that Racism was the motive behind that oppression. Racist anti-semitism, however, is the most extreme and lethal form of racism, because it alone was the driving force behind the attempt to biologically destroy an entire people ("race"). Of all forms of racism, anti-semitism alone resulted in GENOCIDE — "the systematic killing of, or a program of action **intended** to destroy a **whole** national or ethnic group". Anti-semitism is the most deadly form of racism because it is based on a centuries-old tradition built into a world-wide religious system, and as such is capable of periodic revival.

While the stench of human flesh from the crematoria still hung over Europe, the Jew has become somewhat less mythical. Three decades later the process of re-mystification has already begun. It is at work in the Middle East, where the "Protocols" have been translated and are being circulated and where the "killers of Jesus" motiff is being woven into the more extreme and vicious type of propaganda. The latter aspect is particularly disturbing, since it is unlikely to be meant for home consumption, where it is rather foreign to the religious experience of the population. More likely, it is designed to be re-echoed in the West, where coupled with oil blackmail, it can evoke the old image of the Jew. Elsewhere, Judaism is being singled out from among all other creeds as the religion of thieves, oppressors and enemies of mankind. This "literature" which combines the "scholarship" of Streicher and the jargon of the "class struggle" resembles the medieval exhortations to a Judenhetze. In a clash between two national movements — the Jewish one is branded "racist" by a world body. When scarcity of and overdemand for a vital energy resource force it's price up — Jews are being blamed either directly and deliberately, or by inference. What began essentially as a conflict of interests between two ethnic minorities in American cities acquires, because one of the two is Jewish, a wider dimension and spills over onto the arena of international politics. In all sorts of ways and to various degrees the threatened collapse of the world

economy and a possible outbreak of a world war are being by some attributed not to those who hold the world over a barrel, but to the Jew — an echo of the Nazi "explanations" for the Depression and World War II. All these revivals of the "outcast" image of the Jew are invariably either preceded or accompanied by a process, ranging from subtlety to the grotesque, of tampering with the facts of the Holocaust — reducing it to ordinary dimensions, denying that Jews were the primary target, quibbling over the number of victims — to outright denial of its having happened. The stronger one's hatred for the Jew, the more one is involved in evolving the old boy image — the less one is willing to admit the fact and uniqueness of the Holocaust. We marvel at the statements made by a black leader after visiting Yad Vashem (on his way to forge new alliances); in disbelief we read an inscription at Babi Yar that "soviet citizens" were killed there by the fascist invaders; in anger we witness newspapers providing space to "controversies" over the figure of six million Jewish victims; enraged, we read letters to the editor which "resolve" the tragic conflict in the Middle East by dismissing the destruction of a third of our people as "ZIONIST PROPAGANDA". Unable on the one hand to swallow these obscene affronts, stunned on the other by the realization that the tide has already turned, we ourselves, in our anger and frustration, tend to forget that only the collapse of the Third Reich prevented the Nazis from carrying out their **intention** to destroy **all** the eleven million Jews of Europe and the USSR (according to a tally prepared for the participants of the Wannsee conference on the Final Solution).

You also said that the use of the name Auschwitz to describe all horrors if quite understandable — Auschwitz has become a generic term, and such usage does not detract form its horror. But I feel, that it does — the use of generic terms has a levelling effect. Morally, Auschwitz can be used as a generic term ONLY for the other sites for the implementation of the Final Solution — death camps: Maidanek, Treblinka, Belzec, Chelmno, Sobibor.

The term "ghetto" has also become a generic term for a section of a city inhabited by an ethnic group. I wonder whether because of that, many young people do not visualise life in the Ghettoes of eastern and central Europe during 1939-1945 as being similar to life in Harlem today. Do not forget that "Ghetto", for us, stands for — corridor leading to Auschwitz.

Make no mistake — I am not belittling the Armenian tragedy, or the crimes committed in the Gulag. Nor am I trivialising the murder of a million Kampucheans. We must help these starving millions there. We must not remain indifferent to people's suffering anywhere. We must be concerned about and help the Vietnamese "boat people". We must cry out whenever injustice is done. And not necessarily because we, as Jews have suffered and ought to be more sympathetic to the suffering of others, (such an expectation is both unfair and unrealistic; it also carries dangerous implications) — we must cry out and render help because of our **common humanity**, and because, ultimately, of our common destiny.

All hell broke loose in Kampuchea. Kampuchea is a tragedy — of human dimensions. But Kampuchea is not Auschwitz, for Auschwitz IS BEYOND HELL from whence it casts a shadow over today and is trying to break through into the future.

# POEMS

Cecilia Morris

## Adolescence

He reared defiantly
flung her downwards
to bruise the earth.

Years lapsed;
hope was there.

The sun was bright this time;
she fed it oats, stroked its body
and rode bare-backed to the sea.

Infinity stretching across the sand,
they fused, cantered through the rock pools
as bare toes caressed his flanks
and the wind played music from sand dunes.

Controlled hands guiding the stallion
back to the enclosed green paddock.
She whispered of future times
then walked away.

## Love

Rolling down the grassy slope
cocooned in happiness,
he laughed and said "you're mad."

Poplar trees rustled,
crisp leaves crunched,
a shell opened.

Barefoot, they meandered
gazing at statues,
high with needles of love.

Leaves have lost colour.
Will hungry time
clothe him in pin-stripe suit
and smooth his ruffled hair?

## Cancel

Puddles squelch, steamy asphalt
breaks the spell with damp aroma.
A suit shiny with age,
jingles with small change.

Footsteps tread familiar streets,
your mind dwells on the evening meal.
Suburban gardens neat as pocket handkerchiefs,
a click of metal. At last you're home.

Strange the house so quiet,
no children run to greet you,
food smells don't assail you,
just the refrigerator motor dribbling on and on . . .

The note placed brazenly like a city billboard,
"Have left, solicitor will contact you.
Garbage tins need putting out."

# I WANT A HIPPOPOTAMUS FOR CHRISTMAS

**By Arnold Zable**

I Want a Hippopotamus For Christmas was a very popular radio tune that year, the year of Cottage By The Sea, 1954. And when I hear that song, I see red and black, I see Captain Freckles and Deputy Crewcut, and I see smiling matrons lying through their teeth.

Until that 'holiday' my universe had been the inner suburbs of Melbourne. Carlton was the centre of that universe. There were distinct boundaries to this urban world. On one edge stood the Melbourne General Cemetery, a vast field of tombstones, decaying flowers and buried spirits. We would sometimes roam far enough afield to squeeze through a gap in the cast iron fence that surrounded this vast burial ground, and we would run around, dodging graves, trying to find the oldest tombstones with ancient dates, or watch ladies clad in black silently weep as they put down their wreaths of flowers.

Older village kids took me on excursions to another horizon, Merri Creek, where they caught yabbies, dangling pieces of meat at the end of strings. In another direction the horizon stretched as far as the Edinburgh Gardens, where greying men and women played bowls in dazzling white flannels, the giant black bowls curving noiselessly along freshly cut grass . . .

It had been decided, at the local state school, that I, a seven year old third grader, was to have the privilege of a holiday, three weeks at The Cottage By The Sea in Queenscliff, a chance to go far beyond my small urban universe.

I dimly remember saying goodbye to my parents at Spencer Street Station, clutching my luggage as I boarded. I remember a long journey with strangers, an evening bus ride, the sound of waves, and eventually the scent of fresh white sheets on a bed that stood beside many other identical beds in a long dormitory. And I clearly remember early mornings, the sound and smell of breakfast being prepared, and that wretched song, I Want A Hippopotamus For Christmas, coming from the kitchen radio, sung in a wailing spoilt child voice. The kind of voice some people call cute.

Red hair and freckles was the leader of the pack. His ten year old deputy had sandy yellow hair which suited crew cuts so well. I see red hair, freckles and short cropped yellow crew cuts when I hear that song. And I see red and black.

There were, I think, a few reasonable days at the outset of this three week adventure in foreign parts. Walks along the Queenscliff shoreline, gazing out at the mysterious wreck that was welded tightly to a rock about a mile offshore. Playing among old dungeons half buried in the sand and undergrowth, cob webbed slabs of cracked grey concrete. And always that vast sea, opening up a world that I had rarely glimpsed until that time.

But somehow, within the first few days, I started to become, in the eyes of the others, a wog boy. When this notion eventually became a permanent label, I don't quite remember. But once it became an established fact life was no longer quite the same at The Cottage By The Sea.

Captain Freckles displayed his poetic talents. He created a very popular song which becamea runaway hit at The Cottage. A very catchy refrain:

Rice and Sago,

The dirty Dago.

This short succinct chorus was sung to the backing of knives and forks banging on the table at meal times. Captain Freckles and Deputy Crewcut took it in turns to conduct the heavenly choir. I had the honour of having a song, specially dedicated to me, to serenade me as I ate my rice and sago.

Old dungeons, ship wrecks, an increasingly menacing sea, I Want A Hippopotamus For Christmas, Captain Freckles and Deputy Crewcut, all became a regular part of my day at The Cottage. But the nights were different, always the clean fresh sheets that could be stretched over my head as I snuggled up, preparing myself for a very different trip. I took astral journeys back to Carlton. Back to the cobbled lane that led to the backyard of our house. Back to the recent winter nights when the special long awaited moment arrived to light up the large wood stove in the kitchen, to roast potatoes, and sit by the glow of flickering fires, watching the flames lick up the pieces of wood that fed the blaze.

The mornings brought me back to The Cottage, to the banging of knives and forks, and eventually to that special day when I was to see red and black. It began with a game of kiss chasy, a game with the simplest of rules. Boy chases girl, catches her, struggles with her until he is able to kiss her. Then it is her turn to chase one of the boys and extract a kiss. Any participation of a wog boy in such games was, of course, out of the question.

So wog boy hung around, watched the game, stared at the wreck offshore, thought about friends back home in that distant village called Carlton.

The game of kiss chasy had come to a temporary halt. Captain Freckles had called his pack together into a huddle. They talked and laughed and pointed in my direction. The Captain came over to me, and told me that they had decided I could play after all. There was excitement in their eyes. But as yet I could not perceive the true colours of that episode. I was glad to be playing. Very happy about it in fact, especially when a girl began to chase me. I ran and dodged and allowed her to come within reach. She caught me.

Yes, she caught me — and spat in my face.

They all stood around, laughing.

They began to chant.

Rice and Sago, the dirty Dago.

She caught me — and spat in my face.

Suddenly I leapt at Captain Freckles. I clawed at him, I scratched and kicked and punched and pushed him to the ground and began to throttle him with my hands around his neck. And all that time, as I pounded him in my fury, I saw vivid red and black bolts of colour streaking before my eyes, and I throttled him harder

and harder, my hands tightening around his freckled neck. Someone was tugging at my shoulder, trying to drag me off him, but I kept throttling and seeing shafts of red and black light. Someone was screaming, 'you are trying to kill that boy', shaking me and screaming 'YOU ARE TRYING TO KILL THAT BOY'. The face of head matron came into focus. The colours melted. The anger drained out of my body, and I was led into the office of head matron.

'Look at his neck, look at that red mark. You were trying to strangle him. Why? Answer me you insolent boy. Don't just stand there. You were trying to kill him. You really were. I've never seen anything like this in all my years here. You were trying to kill him. Why? You wicked child. Why?'

There were no explanations given that day. A sentence was handed down. I was to spend a day in coventry, and I was no longer allowed to participate in the Sunday afternoon parties, when Aunty Dot would lead a singalong of Christmas carols and other songs from the good book, whilst the children had special serves of ice cream.

But there were compensations. Somehow, after that episode, Captain Freckles, Deputy Crewcut and the rest of the gang never recited that lyrical chorus again. They kept a respectful distance. I was left quite alone, free to wander back to my distant village.

★ ★ ★

I arrived, at last, back to Spencer Street. My father was there to pick me up. He asked head matron how I had behaved myself. 'He was a very nice boy', I heard her say, 'very well behaved'. I checked up on that fact yesterday, before I was to write this final paragraph. My aging father confirmed it. It's true. That is what head matron said. I am a very well behaved boy. Amazing. Perhaps I'll get a hippopotamus for Christmas.

# Dangling

**Simon Nagel**

Dangling,
Oscillating pendulum
Swinging above the jagged barrier
Parting synagogue and street
And cleaving colour, clarity and strength of ritual
From the asphalt hollow of the grey unknown.

Hellas or Zion, Aristotle or Moses, grey matter or blood?
On the shelves, Heschel and Russell side by side,
The eyes seeking,
The hand reaching,
Unresolved,
Towards a consummation
Upon which the unborn generations,
Trembling,
Teeter.

# Year of the Child — 1979

Barbara Schenkel

I

Children are like flowers:
even the ugly ones are beautiful.
Their bodies are soft and round,
their eyes sparkling,
their lips moist.
As for their smiles —
they make you want to cry;
even more so,
when their bellies
are blown up
with hunger . . .

II

Teenagers are brittle like old china:
it is so easy to break them . . .
Their bodies are tense with expectations
of future loves.
Their spirits dwell on see-saws.
Up and down, they flint,
up and down
endlessly.
They are timid and fragile
and yet . . .
they see themselves
as tough and strong and fearless,
and brave, and wise —
when in truth
they are as brittle as old china
and as precious.

Do not hurt them with your old-man wisdom;
do not thwart them with your derisive sarcasm;

they are so defenceless . . .

so tender . . .


**The "Melbourne Chronicle" —**

**Subscription Form**

Name ..............................................................................

Address ..........................................................................

................................. Postcode ..................................

SUBSCRIPTION RATES: $6 for 1 year (6 issues)

Please send remittance to:
**"Kadimah", 7 Selwyn St., Victoria, 3185**

קיין פראַנקרייך און איך האָף, אַז ער וועט דאָרט בלייבן. (איך בין אַזוי שלעכט). איך בין די בעסטע אין קלאַס; איך רעד נישט צו פיל; איך לאַך נישט צו פיל, איך שרייב נישט קיין בריוו צו פיל; איך בין אַ מלאך...

איך האָף, אַז דו וועסט קומען צוריק שנעל אין קלאַס. מיר דאַרפן עמעצן וואָס האָט אַ ביסל שכל אין קאָפּ.

איך האָב מער נישט וואָס צו שרייבן און איך האָף, אַז דו וועסט שנעל געזונט ווערן.

**רויזעלע שמערלינג**
ניינטער קלאַס ש״ע שול

## שלום עליכם

דאָס יאָר פאַלט אויס דער הונדערט צוואַנציק יאָריקער געבוירן־טאָג פון שלום עליכעמען. שלום עליכם איז אָנער־קענט אין דער ידישער און נישט ידישער ליטעראַרישער וועלט, אַלס געניאַלער שרייבער, הומאָריסט און פאָלקס־פילאָזאָף. געבוירן דעם 2טן מערץ 1859 אין אוקראַינע (רוסלאַנד) געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 13טן מאַי 1916. שלום־עליכם איז דער פסעוודאָנים פון שלום ראַבינאָוויטש.

## האָדל

ווען דער קאַפּיטל האָדל איז געשריבן געוואָרן האָט רוסלאַנד געהאַט אַ מלחמה מיט יאַפּאַן. אַ יאָר נאָך דעם איז אין רוסלאַנד געווען אַ רעוואָלוציע און דער צאַר האָט געגעבן אַ קאָנסטיטוציע.

אין האָדלס צייטן זענען יידישע קינדער נישט דער־לויבט געווען צו גיין אין אוניווערסיטעט. זיי האָבן גע־לערנט אין דער היים דעם גאַנצן יאָר און צום סוף פון יאָר האָבן זיי געהאַט עקזאַמענס צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער. טביה האָט נישט ליב געהאַט דעם אידעאַליזם פון דער רעוואָלוציע, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַנדערע מענטשן גלויבן אין דעם אידעאַליזם, און ער האָט זיי רעספּעקטירט.

## חוה

די דערציילונג: חוה — איז די פערטע דערציילונג אין בוך פון שלום־עליכם: „טביה דער מילכיקער״. זי איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1906 — איין יאָר נאָך דער באַרימטער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

חוה איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון צוויי אידייען, וועלכע האָבן אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט גענומען אַריינדרינגען אין יידישן לעבן.

איין אידייע איז געווען — השכלה — דאָס מיינט: דורך בילדונג קאָן מען דערגרייכן וויסן, די יוגנט האָט געלייענט רוסישע ביכער.

די צווייטע אידייע איז געווען סאָציאַלער יושר. — אַלע מענטשן זענען גלייך: אַלע מענטשן זענען ברידער אָן אונטערשיד פון רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט און קאָליר.

די צוויי ריכטיקע אידייען — האָבן אָבער געבראַכט פאַטאַלע רעזולטאַטן. חוה האָט זיך געשמדט, דאָס איז געווען איין פאַל, ווען טביה האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין קאָמפּראָמיס.

**דינה ערדשטיין**
ניינטער קלאַס ש״ע שול.

## דער „פּאַקיר״

### (געזען אויף דער סצענע)

דער „פּאַקיר״ איז געזעסן אויפן קאַרפּעט, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד. און אויף דעם קאַרפּעט איז געווען אַ קאָשיק, מיט אַ בילד פון אַ פערד, און אין דעם קאָשיק ליגן צוויי שלאַנגען, וועלכע שטייען און טאַנצן אונטער דעם קלאַנג פון אַ פלייט.

דער „פּאַקיר״ האָט אויך געטאַנצט מיט די שלאַנגען, זיי האָבן אויך געזונגען אָן אַ שיער אַ פּאָר מאָל: „אַלץ וואָס דו דאַרפסט, איז ליבע״ און ווען זיי האָבן געזונגען האָט דער קאַרפּעט זיך אויפגעשטעלט און דער „פּאַקיר״ איז אַוועקגעפלויגן.

**בעלינדאַ בולוואַר**
ניינטער קלאַס ש״ע־שול

## דער פוטבאָלער

דער פוטבאָלער וועקט זיך אויף,
ער האָט איינגעפּאַקט זיינע זאַכן
און ער פאָרט צום ספּאָרט־פּלאַץ
ער זיצט
און קוקט
און וואַרט אויף דעם אָנהויב.
ווען די שוואַכערע שפּילערס האַלטן ביים סוף
וועט ער פאַרנעמען זייער אָרט.
ער גייט אריין אין צימער
דער טרענירער גייט צו אים צו,
און רעדט צו אים —
ער טוט זיך איבער
און מאַכט זיך גרייט פאַר דער שפּיל.
איין שעה פאַר דעם פוטבאָל־שפּיל
גייען אַלע שפּילערס אין אַ צימער
און דער טרענירער רעדט צו זיי וועגן שפּילן.
אַ האַלבע שעה שפּעטער קומען זיי אַרויס
האָפנדיק צו געווינען.
דריי שעה שפּעטער קומען זיי צוריק
פון שפּיל־פּלאַץ,
אומעטיק און אַנטוישט.
זייער קלוב איז געווען אַ פאַרשפּילטער.
אַזוי צען וואָכן נאָכאַנאַנד.

**הערשל דזשייקאָבס**
ניינטער קלאַס ש״ע־שול

אויגוסט 1979.

# קינדער שרייבן

## איין זומער־טאָג אין מיין לעבן

עס איז געווען פרייטיק, דעם 23טן דעצעמבער 1978. אַלץ איז געווען שטיל, און דאַן האָב איך געהערט אַ הויכן פייף: בררררררר — אויפשטיין! — האָבן די העלפער געשריען — קומט אַרויס אויף גימנאַסטיק! איך, און די אַנדערע מיידלעך פון מיין געצעלט האָבן אָנגעטאָן די קליידער. איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מיין געצעלט. עס איז געווען אַ זייער שיינער טאָג, אין בעראַמאַנגע. איך האָב געאָטעמס די פרישע לופט. די זון שיינט אויף. דאָס גראָז איז געווען אַ שיינער גרין און דער הימל איז געווען זייער אַ קלאָרער און אַ בלויער. אַלץ איז געווען שיין. דאַן האָב איך געמאַכט גימנאַסטיק. דאָס איז נישט געווען זייער שווער.. נאָך דעם זענען מיר אַלע געגאַנגען זיך וואַשן. שפּעטער האָבן מיר געהאַט אַן אַפּעל. עס איז געווען טאָג־פּלאַן נומער 10, אויפן „סקיפּ״־לאַגער אין בעראַמאַנגע.

אַלץ איז געווען גוט!

דאָס פרישטיק איז געווען גוט, ווייל מיר זענען אַלע געווען הונגעריק. אָבער נאָך פרישטיק מוזן מיר אַרבעטן. איך, מיט אַ פּאָר אַנדערע קינדער זענען מיר געגאַנגען צוגרייטן דעם אַפּעל־פּלאַץ.

עס איז געווען האַלב צוועלף און מיר האָבן געלייענט די לאַגער צייטונג: „יידישע גליקן״. עס איז געווען זייער גוט. מיר האָבן געגעסן מיטאָג, און נאָך דעם בין איך און מיין קרייז געגאַנגען אין געצעלט אויף רו־צייט. מיר האָבן געהאַט אַ דיסקוסיע וועגן כאַווערשאַפט און סאָציאַליזם. נאָך רו־צייט זענען מיר געגאַנגען שווימען. דאָס וואַסער איז געווען בלוי און קלאָר. עס איז געווען גוט! און דאַן — פרייע צייט צו רעדן, שפּילן און טאָן וואָס מיר האָבן געוואָלט.

עס איז געווען אַ גוטער טאָג, ווייל איך בין נישט געווען אויף דיזשור!

נאָך אָוונטברויט האָבן מיר געהאַט מער פרייע צייט, ביז נאַכט־אַקטיוויטעט, וואָס איז געווען אַרום אַכט א זייגער. נאַכט־אַקטיוויטעט איז באַשטאַנען פון אַ סקויטן־שפּיל. עס איז געווען לאַנג, אָבער גוט.

דאַן האָבן מיר געטרונקען אַ ביסל מילך, און געגעסן קיכעלעך. נאָך דעם האָבן מיר געהאַט אַן אַפּעל, נאָכן אַפּעל האָבן מיר זיך געוואַשן און די קלענערע קינדער זענען געגאַנגען אין בעט. אָבער איך און די אַנדערע עלטערע קינדער זענען נישט געגאַנגען שלאָפן ביז 12 אַזייגער. איך בין געגאַנגען שלאָפן. דאַן האָב איך דערהערט אַ הויכן פייף — עס איז געווען דער אָנהויב פון אַנדער טאָג.

**עליסאַ גריי**

ניינטער קלאַס ש״ע־שול

## אַ בריוו צו אַ קראַנקן פריינד

נו, דינה,

וואָס מאַכסטו? ווי אַזוי פילסטו זיך? קענסטו גיין שפּאַצירן? קענסטו זיך אויפשטעלן? — אוי, איך בעט דיר אַנטשולדיקן, ווייל איך פרעג דיר אַזוי פיל פראַגעס. דו קענסט זיי ענטפערן ווען דו פילסט זיך בעסער. יאָ, דו ביסט גערעכט, מיר זענען דאָ אין שלום־עליכם יידישער שול און מיר האָבן באַשלאָסן צו שרייבן אַ בריוו צו דיר. דו האָסט נישט קיין סך דורכגעלאָזט, ווייל מיר לערנען ווי אַזוי צו לייענען. ווען עס איז עלף אַזייגער זענען מיר גרייט צו לערנען יידיש. ריכטיק צו רעדן און שרייבן.

הערי רעדט נישט און הערט נישט וואָס מיר טוען אין קלאַס און אַרנאָלד הערט נישט אויף צו רעדן און שפּילן זיך. בעלינדאַ ברענגט נישט קיין פריינד היינט, אָבער זי לאַכט אַזוי פיל... עליסע שרייבט בריוו נאָך בריוו און זי איך נאָך אַלץ מיין בעסטער פריינד. דוד איז געפאָרן

---

אייגענע קינדער, וועלכע האָבן זיך געשעמט מיט זייער מוטערס יידישן אָפּשטאַם.

אסתר דזשאָנסטאָן — אַ פּאַטעטישע און טראַגישע פיגור, וואָס שטאַרבט אין אַ משוגעים־הויז, הגם זי איז געווען ביים פולן זינען.

★

דער עפּילאָג צו אסתר דזשאָנסטאָנס געשיכטע האָט אויך אַ שייכות צו דער געשיכטע פון יידן אין אויסטראַליע. אין 1943 האָט ראַביי ד״ר פּאָרוש פון סידנעי, אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן „רעגירונגס־הילף פאַר יידישע אינסטיטוציעס אין נ.ס.וו.״ עס ווערט דאָרט דערמאָנט אַ געוויסער ראָבערט ניקאָלס, אַן אויסטראַליער, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין אויסטראַליע אין יאָר 1854. אַדאַנק אים האָבן יידן אין אויסטראַליע באַקומען די זעלבע רעכט ווי קריסטלעכע בירגער. יידישע סינאַגאָגעס און תלמוד תורהס האָבן אין יענע צייטן באַקומען אַ יערלעכע סובסידיע פון דער רעגירונג.

דער זעלבער ראָבערט ניקאָלס האָט שפּעטער געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע אין נ.ס.וו.־פּאַרלאַמענט אין 1856, געוואָרן לאַנדס־מיניסטער, און שפּעטער פינאַנס־מיניסטער און געטאָן יידן גרויסע טובות אין סידנעי. ראַביי פּאָרוש באַמערקט ביים סוף פון זיין אַרטיקל, אַז ראָבערט ניקאָלס האָט געהאַט אַ יידישע מאַמע. דאָס איז געווען אסתר דזשאָנסטאָנס טאָכטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער קאָנוויקט־שיף און איז שפּעטער „פאַרלוירן געגאַנגען״, נאָכדעם ווי איר מוטער האָט חתונה געהאַט מיטן שאָטלענדישן אָפיציר דזשאָרדזש דזשאָנסטאָן.

דאָס „פּינטעלע ייד״ האָט זיך אָפּגערופן אין אסתרס אייניקל, אַ הונדערט־פּראָצענטיקן אויסטראַליער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דער קריסטלעכער רעליגיע, און אינסטינקטיוו געוואָרן אַ מליץ יושר פאַר יידן.

אַ מערקווירדיק קאַפּיטל פון יידישער געשיכטע אין אויסטראַליע.

נונגסלאָזער לאַגע אויפֿן אונטערשטן דעק פֿון דער שיף, צוזאַמען מיט די ערגסטע עלעמענטן פֿרויען־פֿאַרברע־כערינס.

אָבער דאָ האָט איר מזל אויפֿגעשיינט אין די סאַמע פֿינצטערנישן פֿון איר ביטערן גורל. אויף דער זעלבער שיף האָט זיך אויך געפֿונען דער קאָמענדאַנט פֿונעם קאָנ־וואָי, וואָס האָט באַוואַכט די אַרעסטאַנטן, דער ענגלישער אָפֿיציר, דזשאָרדזש דזשאָנסטאָן, אַ מאַטראָזן־לייטענאַנט, וועלכער האָט שפּעטער געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע אין דער נייער קאָלאָניע. אַן אָפּשטאַמיקער פֿון אַן אַלטער מיוחס־דיקער שאָטלענדישער משפּחה, האָט ער געדינט אין ענג־לישן מיליטער בעת דער אַמעריקאַנער מלחמה קעגן וואַ־שינגטאָן. דאָרטן איז ער שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן און מען האָט אים איבערגעפֿירט אויף אַ לייכטן פּאָסטן ווי אַן אָפֿיציר אין אַויסטראַליע. ער איז אַלט געווען 23 יאָר בשעת ער האָט געטראָפֿן אויף דער שיף די יידישע פֿרוי און זיך אין איר פֿאַרליבט.

אַז די שיף איז נאָך 6 חדשים רייזע אָנגעקומען קיין סידנע אין יאָר 1788, האָט דער יונגער שאָטלענדישער אָפֿיציר גענומען צו זיך די יידישע פֿרוי מיט איר קינד און זיי באַשיצט. אויף יעדן פּאָסטן, וווּ דזשאָנסטאָן האָט געדינט, אויף די פֿאַרשידענע קאַטאָרגע־פּלעצער, וווּ דער אָפֿיציר האָט אָנגעפֿירט מיט דער וואַך פֿון די אַרעסטאַנטן, האָט ער מיטגענומען זיין יידישע געליבטע מיט איר קינד.

דזשאָנסטאָן איז געווען גוט געזען און באַפֿריינדעט אין די רעגירונגס־קרייזן. ער איז געווען אַ לאָיאַלער אָפֿיציר, וואָס האָט אומברחמנותדיק אונטערדריקט דעם אויפֿשטאַנד פֿון די אירלענדישע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אין ניו־סאַוט־וועילס, און ווי אַ באַלוינונג דערפֿאַר האָט ער באַקומען פּרוכטבאַרן באָדן אין דער פּאַראַמאַטאַ־געגענט און אַוואַנסירט צום ראַנג פֿון אַ פּולקאָווניק און שפּעטער אַפֿילו געוואָרן גאָווערנאָר פֿון דער קאָלאָניע.

דזשאָנסטאָן איז געווען געטריי זיין יידישער פֿרוי, געהאַט מיט איר אַכט קינדער און שפּעטער, אין יאָר 1814, מיט איר אָפֿיציעל חתונה געהאַט. די געוועזענע יידישע אַרעסטאַנטקע איז געוואָרן די ערשטע לײדי פֿון דער קאָלאָניע אַלס די פֿרוי פֿונעם גאָווערנאָר.

דזשאָנסטאָן איז אָפּט אין אָפֿיציעלע ענינים געפֿאָרן קיין ענגלאַנד; זיין יידישע פֿרוי אסתּר דזשאָנסטאָן, ווי זי האָט זיך גערופֿן, האָט פֿאַרוואַלטעט מיט זיינע געשעפֿטן אין אויסטראַליע, אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט אויף זיינע פֿאַרמס מיט די סטאַדעס שעפּסן, געגעבן אַרבעט די קאָנ־וויקט־אַרבעטער. זי האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פֿעאיקייטן און אין אַ קורצער צייט אַרום זענען זיי רייך געוואָרן און געווען איינע פֿון די גרעסטע ערד־באַזיצער אין נ.ס.וו.

די טראַגעדיע פֿון דער יידישער פֿרוי האָט זיך אָנגע־הויבן נאָך איר מאַנס טויט. אירע אייגענע קינדער — איצט רייכע לאַנדבאַזיצער און אַריסטאָקראַטן פֿון דער קאָלאָניע, האָט נישט געפּאַסט צו האָבן אַ יידישע מאַמע און נאָך דערצו — אַ געוועזענע קאָנוויקט־פֿרוי.

די קינדער האָבן זיך געוואָלט צעטיילן מיט דער ירושה נאָך ביי דער מוטערס לעבן און פֿון איר געוואָלט פּטור ווערן; זיי האָבן איר פֿאַרפֿאָלגט, געפּייניקט פֿיזיש און גייסטיק און דערפֿירט דערצו, אַז זייער יידישע מוטער האָט אַנאָנסירט אין אַ סידנעיער צייטונג וועגן פֿאַרזעצן איר פֿאַרמעגן, כּדי צו האָבן געלט צוריקצופֿאָרן קיין ענגלאַנד.

דאָס האָט נאָך מער אויפֿגעבראַכט אירע קינדער, וועל־כע האָבן גענומען זייער מוטער אין געריכט צו באַווייזן, אַז זי איז נישט נאָרמאַל און קען נישט מער פֿאַרוואַלטן מיט די פֿאַרמעגנס פֿון איר מאַן.

דער פּראָצעס איז פֿאָרגעקומען פֿאַר אַ ריכטער מיט אַ דזשורי אין סידנעי אין 1829. איר פֿאַרטיידיקונגס־אַד־וואָקאַט האָט געהאַט אַ שווערע אויפֿגאַבע איבערצוצייגן די דזשורי, אַז אסתּר דזשאָנסטאָן איז ביים נאָרמאַלן זינען, ווייל אירע קינדער האָבן אונטערגעקויפֿט אַ דאָקטאָר, וואָס האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז זי איז נישט נאָרמאַל. די דזשורי האָט אויך געהאַט אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו דער יידישער פֿרוי — געוו. קאָנוויקט.

דאָס איז די גרויסע טראַגעדיע פֿון אַ מוטער, ביי וועלכער אירע אייגענע קינדער האָבן נישט בלויז צוגענומען אירע שווער אויסגעאַרבעטע פֿאַרמעגנס, וואָס זי אַליין האָט אָנגעזאַמלט בעת איר מאַן, דער אַריסטאָ־קראַט האָט פֿאַרברענגט זיין פֿרייע צייט אין די „הויכע פֿענסטער" — די קינדער האָבן ביי איר אויך צוגענומען איר פּערזענלעכע פֿרייהייט, איר מענטשלעכע ווירדע און דעם זעלבסט־רעספּעקט.

אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דעם „קלאַפּ" האָט זי זיך דערנענטערט און באַפֿריינדעט מיט די יידישע באַפֿרייטע קאָנוויקטס, וועלכע האָבן געוווינט אין סידנעי, פֿאַר־בראַכט אין זייער געזעלשאַפֿט און דערמאָנט דאָס יידישע לאָנדאָן.

דאָס לעצטע יאָר האָט זי פֿאַרבראַכט אַן איינזאַמע און פֿאַרלאָזטע און איז געשטאָרבן אין אַן אַזילום אין 1846. מען האָט זי מקבר געווען אין דזשאָנסטאָנס פֿאַמיליע־קבר אין אַנאַדייל, נעבן סידנעי.

נאָך איר טויט זענען אַלע דאָקומענטן, פּאַפּירן ווי אויך דאָס טאָג־בוך פֿון דזשאָנסטאָן אויף אַ געהיימנישפֿולן אופֿן פֿאַרשוווּנדן. וואַרשיינלעך האָט די פֿאַמיליע דאָס אַראַנ־זשירט. די דזשאָנסטאָן־אַריסטאָקראַטן האָבן נישט געוואָלט האָבן קיין „פֿלעק" אין זייער יחוס.

דאָס בילד פֿון אסתּר דזשאָנסטאָן, וואָס איז געדרוקט צוזאַמען מיטן אַרטיקל, איז גענומען געוואָרן פֿון אַ פּאָר־טרעט וואָס איז געפֿונען געוואָרן ביי מרס. לאַנגהעם פֿון סידנעי, אַן אור־אור־אייניקל פֿון דזשאָנסטאָן. דאָס בילד ווייזט אַן אײדעלע און אינטעליגענטע יידישע פֿרוי, פֿון ספֿרדישער אָפּשטאַמונג און איז געמאָלן דורך אַ סידנעיער אַרטיסטן־מאָלער אין 1810.

דאָס איז אַ שטאַרק קאָנדענסירטע געשיכטע פֿון אַ יידישער קאָנוויקט־פֿרוי, אַ גוטע טעמע פֿאַר אַ היס־טאָרישן ראָמאַן, וואָס בעט זיך מ'זאָל אים אָנשרייבן: פֿונעם פֿינצטערן קעלער אינעם „נוי־גייט" קרימינאַל אין לאָנדאָן ביזן העכסטן שטאַפּל אַריסטאָקראַטיע אין דער נייער קאָלאָניע אין נ.ס.וו., פֿאַרלאָזט און פֿאַרפֿאָלגט דורך אירע

שמואל בענעט

# אַ יידישע „קאָנוויקט"־פרוי אין אויסטראַליע

מערקווירדיק זענען די געשיכטעס פון מענטשלעכן לײדן און פּײַן; זיי גייען פאַרביי ווי דורך אַ קאַלײדאָסקאָפּ פון צײַט און ווערן פאַרשווונדן אין תהום פון פאַרגעסנקייט.

טראַגישע געשיכטעס, וואָס באַרירן אַ מאַסע, ווערן אָפּט פאַרצייכנט דורך כראָניקעס, אָדער דורך אַ טאַלאַנט־פולן ראָמאַנען־שרייבער, וואָס נוצט אויס דעם מאַטעריאַל פאַר זיין מייסטערווערקט, אָבער אַן אַנדערן גורל האָבן אינדיווידועלע טראַגעדיעס פון מענטשן וואָס מאַכן אַדורך אַ גרויזאַמען און קאָשמאַרנעם לעבנס־שיקזאַל. ניט שטענדיק איז פאַראַן אַ דיקענס, אַ זאָלאַ אָדער אַ הוגאָ, וואָס זאָל דאָס פאַרצייכענען.

דאָס ווירקלעכע לעבן איז אָפּטמאָל מער שפּאַנענדיק ווי אויספּאַנטאַזירטע פיקציע. צו אַזעלכע אמתע געשיכטעס, וואָס האָבן פּאַסירט אינעם אָנהויב פונעם 18טן יאָרהונדערט, געהערט די סאַגע פון אסתר אייבערהעמס, שפּעטער דזשאָנסטאָן.

ס'וואָלט געווען צו ענג אין די ראָמען פונעם דאָזיקן אַרטיקל איבערצוגעבן אפילו בקיצור דעם אינהאַלט פון אָט דעם אמתן היסטאָרישן ראָמאַן, וואָס איז פאַרלאָפן אינעם 18טן י"ה. ווי אַזוי אַן אָרעם, אומגליקלעך יידיש מיידל איז צוליב א בלבול אין אַ גניבה אין לאָנדאָן, פאַרמשפּט געוואָרן אויף זיבן יאָר קאַטאָרגע אין אויסטראַליע (ענגלאַנדס סיביר).

דאָס יידישע מיידל איז אָנגעקומען קיין אויסטראַליע אין 1787, מיט דער ערשטער אַרעסטאַנטן־שיף. אין דער אויסטראַלישער געשיכטע ווערט דאָס באַצייכנט ווי אַ יחוס.

די אָפּשטאַמיקע פונעם „ערשטן פלאָט" — די ערשטע אַרעסטאַנטן — זענען די אַריסטאָקראַטיע, ווי, למשל, די אַמעריקאַנער „פּילגרים־פּאָטערס".

דאָס יידישע מיידל איז נישט געווען די איינציקע אין



אסתר דזשאָנסטאָן

„ערשטן פלאָט"; געווען אויך אַ צענדליק יידישע מענער, צווישן זיי אַ געוויסער אייבי סאָלאָמאָנס, וועמען דער באַרימטער שרייבער טשאַרלס דיקענס האָט גענומען ווי אַ פּראָטאָטיפּ פאַרן יידישן גנב „פייגין" אין זיין בוך „אָליווער טוויסט".

דער ענגלישער קרימינעלער קאָדעקס פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט איז געווען אַ זייער שטרענגער. פאַרן קלענסטן פאַרברעכן, פאַר אַ גניבה אין ווערט פון איין שילינג, איז מען באַשטראָפט געוואָרן מיט זיבן יאָר קאַטאָרגע אין אויסטראַליע — אין יענער צייט אַ שטראָף־קאָלאָניע, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף ענגלישע פאַרברעכערס.

אין יאָר 1786 האָט מען אין לאָנדאָן באַשולדיקט דאָס יידישע מיידל אסתר אייבערהעמס, אַז זי האָט געגנבעט עטלעכע יאַרד סחורה אין אַ געשעפט אין ווייטשעפּל; הגם זי איז געווען אומשולדיק און געהאַט אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט זי פאַרטיידיקט, האָט זי פאָרט באַקומען זיבן יאָר קאַטאָרגע. דער פאַקט וואָס זי איז געווען מעוברת האָט אויך נישט געהאָלפן, די אַפּעלאַציע צום קעניגלעכן חסד לויטן ענגלישן געזעץ איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן און זי איז פאַרשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך 120 פרויען פון דער לאָנדאָנער אונטערוועלט אויף דער אַרעסטאַנטן־שיף „ליידי פענרין".

די יידישע פרוי, צוזאַמען מיט איר קינד, וואָס איז אין צווישן געבוירן געוואָרן, האָבן זיך געפונען אין אַ האָפּ־

---

פירט יצחקן צו דער עקידה. זיי מאַטערן אויך דעם מגושם יפתח ווען ער פירט זיין טאָכטער צום טויט. מירן נישט אַריינגיין אין ווייטערדיקע פאַרנאַנדערקלייבונג פון די צוויי עקידות, פון זייער אורשפּרינגלעכן יסוד, צווישן טיפן גלויבן פון אברהם אין גאָט און דאָס געפיל פון אַ פראָסטאַק, אַ רוצח צו האַלטן וואָרט, ווייל דאָס איז דאָך דאָס מינדעסטע, וואָס גיט אים צו מענטשלעכע חשיבות.

עס איז דאָך נישט שייך אַרומצונעמען אַלע פּאָעמעס. זיי דאַרפן ווערן ארומגענומען אין אַ גרעסערער אַרבעט, איך אַ בוך, נישט אין אַ פּעריאָדיק. איך וויל נאָר דערגאַנצן מיין קורצן דורבליק מיט איין באַמערקונג: אַשעראָוויטשעס שפּראַך איז מאָלעריש און זאַפּטיק, די געדאַנקען טיף, די בילדער דריי דימענסיאָנעל, דאָך גלויב איך, אַז די פּאָעמעס זענען געשריבן געוואָרן מיט דער אינטענץ צו רעציטירן בעל־פּה פון אַן עסטראַדע. עס פעלט זיי די קליינע באַצייכענונג, וועלכע זאָגט גאָר אַ סך — צימצום.

**זייער ערדיש־מענטשלעך זיין דעקלאַרירן פאָלגנדע שורות:**

סיגייט זיך לייכט ווּהין אונדז ציט נישט,
סיגייט זיך שווער ווּהין אונדז ציט,
ניין, מיר קענען נישט פאַרבלייבן ווי מיר זענען
נאָר אַזעלכע ווי מיר זענען!
בלויע בענקשאַפט קוואַלט אין אונדז,
רויטער ווייטיק פליסט דורך אונדז;
אַפּסמאַליען זיך, אָבער אַנרירן די זון!

**באַוווסטזיניק צי אונטערבאַוווסטזיניק האָט דער דיכטער אָנגערירט דעם סאַמען נעוראַלגישסטן אַספּעקט פון לעבן־טויט. בינען — זכרים שטאַרבן גלייך נאָכן באַהעפטן זיך מיט דער בין־קעניגין. די נאַטור האָט געגעבן דעם זכר זיין באַפרידיקונג איין רגע פריער פארן פאַרלירן דאָס לעבן, קומט אויס, אַז די מתנה פאַרן דערגרייכן דעם ציל איז — טויט. אָבער, דעם מענטש ציט דווקא צו דערגרייכן דאָס אומגרייכבאַרע, טראָץ די באַהאַלטענע געפאַרן. אין צוויי שורות איז ער אונדז מסביר:**

„אונדז איז ליב אַזוי די ערד
און סיציט, סיציט אונדז צום הימל".

**ווער פון אַ טראַכטענדיקן ילוד־אישה האָט ניט אַדורכגעמאַכט דעם אינערלעכן געראַנגל, דאָס זוכן דעם „צווישן", צווישן דעם וואָס מען זעט מיטן פיזישן אויג, און דאָס וואָס מען זעט נישט. דאָס איז און וועט בלייבן דער אייביקער דראַנג צו דעציפערן וואָס איז איבערן שכל. נישט יעדער דערגייט צו די געגאַרטע הייכן פון פאַרשטיין, ווייל, ווי אָשעראָוויטש שטעלט פעסט, און מיר גלויבן אים, אַז:**

„מיר זענען ליים, וואָס האָט דערוואַכט
און מיטן וואַך זיין זיך דערפרייט".

**איז דאָך ווויל און גוט, אָבער דער דיכטער האָט ספקות — און האָבן ספקות איז דאָך אַ לעגיטימע רעכט פון יעדן טראַכטנדיקן מענטש:**

„דאָך פרייד — עקסלאַמירט ער — איז נישט צופרידנקייט;
„און ווייל מען איז נישט צופרידן אפילו מיט פרייד,
קומט די שטראָף —
„אַ, סיאַראַ שטראָף סיאיז אַ פאַרשטאַנד,
וואָס מאַכט פאַרשטיין,
אַז מען פאַרשטייט נישט..."

**דער גרויסער גאון פון אַלטערטום סאָקראַטעס האָט אַ זאָג געטאָן:**

איך ווייס דאָס, אַז איך ווייס גאָרנישט!

**זיין גרויסער גאונישער נאָכפאָלגער אַלבערט איינשטיין האָט מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער געמאַכט אַן ענלעכע דערקלערונג: —**

„איך נעם אַרום דעם נישט אויסמעסטבאַרן קאָסמאָס,
אָבער איך פאַרשטיי נישט און כיווייס נישט די סיבה
פון באַשאַף, — און צי האָט גאָט געהאַט אין דעם
אַן אַנטייל" **(ציטירט פון זכרון).**

**אויך אָשעראָוויטשן אינטערעסירן די אייביקע, קיינמאָל נישט פאַרענטפערטע קשיות: גאָט־מענטש און מענטש־גאָט. דאָס דאַרף זיין אַ טעמע פאַר זיך.**

**די פּאָעמע „מולך" קאָן נישט געזען ווערן אַנדערש ווי די ביטערע ווירקלעכקייט פון די טאָטאַליטאַרע רעזשימען. דער מענטש ווערט אין און דורך זיי צעריסן צווישן רעוואָלט און מורא פאַר דער שטראָף. אָשעראָוויטש באַשולדיקט דעם מענטש צוליבן באַשאַפן דעם געץ.**

„מיר אין אַלצדינג זענען שולדיק,
מיר האָבן דיך אויסגעגאָסן,
אונדזער זשעדנע זיין אויף לעבן,
אונדזער שרעק עס אָנצווּווערן
האָבן דיך אויף אונדז געבראַכט".

**און אַ שורה ווייטער:**

„ווייַ צו די וועלכע באַשאַפן
„זייענדיק באַהערשט פון שרעק.

**און די שולד פאַר שאַפן זיך אַ געץ לייזט ער אויף מיט — רעוואָלט.**

„מירן ווייטער ברעכן, קאַטעווען און רייסן,
ניין, נישט דיך — דעם גלאָמפּ פון אייזן,
אונדזער בלינדהייט שלאָגן מיר!"

• דאָס ליד איז געוואָרן געשריבן אין יאָר 1965, ווען ער איז שוין געווען צוריק פון פאַרשיקונג, און עס ווערט פאַרשטענדלעך סיי דער מעטאַפאָר, סיי די נישט געהאַמעוועטע שנאה צו פאַלשן געץ צוליב דאָס פאַרטיליקן וואָס געווען איז שיין און גלויביק, אָבער נאָכמער צוליבן אומזיניקן פאַרטיליקן די תינוקות (לייען אומשולדיקע מענטשן) „פאַרברענטע אין רויט־פלאַמיקן קופּערנעם בויך".

**די אינערלעכע ווידעראַנאַנדן, וועלכע באַהערשן אַזוי אָפט דעם בן אדם, אפילו אין ליבע־געפילן פון מאַן צו אַ פרוי, האָט דער דיכטער אויסגעפיבערט מיט: —**

„איך וויל נישט! כיבין עלנט!
„איך וויל נישט זיין אַרומגערינגלט מיט אַזויפיל פראַגעס,
טאָג טעגלעך דאַרפן יאָגן זיך נאָך פיצלעך ענטפערס..."

**אָבער ווען אדם כאַפּט זיך אויף פון שלאָף נאָכן פאַרלירן אַ ריפּ און געווינען חוהן, רופט ער אויס: —**

„אַזאַ זלידנער נאַגנדיקער ווייטיק!
נאָר וואָס איז עס אַקעגן אַט דער גרויסער פרייד,
וואָס נאָך עמעץ פאַראַן איז לעבן מיר?...

**אָבער דאָס ערשט געבוירענע גליק ברענגט גלייך צווייפל: איז גליק, טאַקע גליק? אדם זעט חוהן און ער פרעגט, אפשר זיך אליין:**

„דו ביסט, ווי איך, און דאָך דו אונטערשיידסט זיך.
זאָל איך דיך ליב האָבן דערפאַר, צי האָסן?
ניין,ביידע שפּירונגען כיפאַרמאָג —
אַ הייפל האָס, אַ הויפן ליבשאַפט!
און סיקומט פון זיי אַרויס
אַ נייע שפּירונג: **נאָנ'טשאַפט.**

**די זעלבע ווידעראַנאַנדן מיידן נישט אויס דעם לעגענדאַרן פאָלקס־העלד שמשון. זיי פייניקן אברהמען ווען ער**

י. מ. לעווין

# תנך־פּאָעמעס פון הירש אָשעראָוויטש (ישראל)

ווען מען קוקט אַדורך דאָס זוך־צעטל פון די תנך־פּאָעמעס, שנירלט זיך זייער אינהאַלט, אָנהויבנדיק מיט „דער טורעם פון בבל", דורך „קין" און „סדום" מיט זייערע נידעריקע מאָראַלישע מדרגות, מיט דעם קאָנטראַסט פון מאוימדיקן פּאַטאָס פון „עקידת יצחק", „יעקבס חלום" און נאָך אַזש ביזן דור המידבר.

בשעתן לייענען טויכן אויף די תנך־געשטאַלטן אין דער פּערזאָניפיקאַציע ווי מיר געדענקען זיי פון די חדר־יאָרן, איבערגעשטאַלטיקטע מיט אָשעראָוויטשעס דיכטערישן תרגום, וואָס גיט זיי אַ היינטצייטיקן פּסיכאָלאָגישן אַריינדרינג און באַפּאַרבונג.

---

לײדן דערנאָך אַ גאַנץ לעבן. ווען קינדער ברעכן זיך אַרויס פון אַט דעם דאָמינירנדיקן קרייז — ווערט עס דאַן די טראַגעדיע פון דער מאַמען. זי דערפילט זיך ווי אַ הון, וואָס האָט אויסגעזעסן קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך קומען צו צום וואַסער, — און שווימען אַוועק. די הון, וואָס האָט מורא פאַרן וואַסער, לויפט אַרום אין פאַרצווייפלונג — עס איז די שרעק פאַר דעם — אַז די קאַטשקעלעך קאָנען זיך חלילה דערטרינקען.

איז דען אַ ווונדער וואָס ראָט אָדער אלישע האָבן אַרויסגעפירט אין דער עפנטלעכקייט אָט דעם טיפּ פון אַ מאַמע? (אזא זאַך פאַסירט זייער זעלטן...) אפשר וועט זי זיך אליין דערקענען...

מיר זעען אָפט, ווי אַנדערע רעליגיעזע גרופּן ווערן געוויזן אין אַ נישט סימפּאַטישן ליכט. (די פאָרשטעלונג: „איינמאָל אַ קאַטאָליק"). די קאַטאָליקן האָבן אַ גרונט נישט צו זיין צופרידן מיט דעם אופן, ווי מען שטעלט פאָר די קאַטוילישע דערציאונג, און די פאָלגן דערפון. אין דער פאָרשטעלונג „דורך פליכט געבונדן", ווערט די יידישע רעליגיע, יידישע געפילן, דווקא געוויזן אין אַ סימפּאַטישן ליכט. אויך דער חורבן ווערט אַרויסגעבראַכט דורך רירנדיקע סצענעס. דער איינציקער נעגאַטיווער טיפּ איז די מאַמע.

מען זאָגט — אַז מיר זענען מער סענסיטיוו ווי אַנדערע, ווייל מיר האָבן באַצאָלט אַ טייערן פּרייז דערפאַר. לאָמיר מודה זיין — אַ געוויסע אַנטיפּאַטיע (פון פאָרויס) צו דער פאָרשטעלונג האָט אַרויסגערופן דער אינטערוויו פון ראָן אלישע אין דער פּרעסע. מעגלעך — דורך קאָנטראַווערסיע האָט ער געזוכט פּאָפּולאַריטעט.

אין סך־הכל מוזן מיר זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז מיר לעבן נישט מער אין אַן אָפּגעשלאָסענעם געטאָ (אפילו נישט גייסטיק) און אַז דער דרויסן קאָן אריינקוקן, און ער מעג זען אונדזערע חסרונות — ווי אונדזערע מעלות.

נאָכאַלעמען — זענען מיר דאָך אויך נישט מער ווי מענטשן.

בין יבדל לחיים האָט י. ראַפּאָפּאָרט געהאַט איבערגעדיכטעט דעם ביבלישן העראָיזם און פּאַטאָס אין אַ ברייטן פּאָעטישן אויסמעסט. יהואש ווידער האָט איבערגעטייטשט דעם תנך אויף יידיש מיטן אייפער און התמדה פון אַ ייד אַ סופר, וועלכער וואָלט נישט געוואַגט צו מאַכן די מינדעסטע אָפּווייכונג פון איין אות אפילו. מאַנגער האָט געזען אודזערע אָבות און אמהות מיט שגציש־שפּאָטישע אויגן, און ער האָט פאַר זיי געפונען אַ „זכות" אפילו אין דער מצווה „זינד".

הירש אָשעראָוויטש האָט אין די „תנך־פּאָעמעס" געטראָטן איבער קאַנאָניזירטע דרכים, אָבער ער האָט אויפגעלעבט דאָס באַלזאַמירטקייט פונעם עבר אין פאַרטיפטע און פאַרברייטערטע דימענסיעס, באַווירצטע מיט פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. דאָס איז זיין געוויינטלעכער דרך, און ער איז אין די פּאָעמעס פון אים נישט אַוועק.

דער דיכטער האָט מצליח געווען אַרויסצובאַקומען פאַרוואָרצלטע פשוט־מענטשלעכע עמאָציעס צוגלייך מיט פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געפּאָדערט אַ לייזונג אין ווייטן עבר, ווי אין דער היינטיקער צייט. פאַראַן אַן אַקסיאָמע, אַז באַדינגונגען קנעטן אויס דעם גייסטיקן מהות פון מענטש. אין משך פון אונדזער לאַנגער און רייכער געשיכטע האָבן זיך געביטן די מינהגים, דער לעבנס־שטייגער א.א.וו., אָבער דער מענטש, דער בן אדם האָט ביז היינט נישט פאַרלוירן דעם עצמדיקן מעמד. די אַמאָליקע תוכן פון מענטשלעכע עמאָציעס ווי ליבע, שנאה, צאַרטקייט און מאָרדלוסט זענען פאַרבליבן ווי געווען. געענדערט האָט זיך דער אויסערלעכער לבוש, זיינע מאַניפעסטאַציעס האָבן אָנגענומען אַנדערע פאָרמען.

אָשעראָוויטש האָט זיך דערגריבלט צו די סאַמע טיפן פון די היסטאָרישע כאַראַקטערן, צו זייערע מיינונגען און שטרעבונגען, צו די גייסטיקע עליות און ירידות, וואָס דערגרייכן צו דער גרענעץ פון סכיזאָפרעניע, ווי אַ שטייגער ביי שאול... און „אומשאול". „שאול" איז די אויסערלעכע פּראָזשעקציע, „אום־שאול" איז דער אינערלעכער פּראָטאַגאָניסט פונעם אויסערלעכן. די פרוידיאַנישע אַנאַליזעס און דורכלויכטונגען פון די כאַראַקטערן פון יחידים, ווערן די רעפּרעזענטאַנטן פונעם צונויפזאַמל, פונעם כלל.

מיט דער זעלבער פּסיכאָלאָגישער מאָס. האָט דער דיכטער געמאָסטן די בויער פון טורעם, עלי'ן שמשונען יפתחן. אַלע אויסגערעכנטע זענען מענטשן פון פאַרשידענע תקופות, און זיי האָבן גענומען די עולן, די אַרויסרופן פון זייער צייט, און אויך גורל מיט אַ פאַרביקער פאַרשידנקייט, וואָס בלענדט אין די אויגן. באַלד אין דער ערשטער פּאָעמע „דער טורעם פון בבל" פּראָזשעקטירט דער ווילן פון מענטש צו „דערהויבן" זיך און „דעראָבערן די הימלען" — טייטש — אויפצוהויבן זיך איין טפח העכער איבער דער שפלדיקייט פון דער ערד, צו דערגיין צום סוד פון זיין תכליתדיקן „זיין" אויף דער וועלט.

ספעקטאַטאָר

# אָ – די יידישע מאַמע

### (וועגן איינער אַ טעאַטער פאָרשטעלונג)

צו די קולטור־באַדערפעַנישן פון מענטשן — געהערט אויך טעאַטער. די נויטווענדיקייט פון דער דאָזיקער פונקציע האָבן שוין אַרויסגעפילט די פאַרצייטיקע גריכן, וועלכע האָבן אַנטוויקלט די טעאַטער־קונסט.

אין די מאָדערנע צייטן, ווען דאָס טעאַטער האָט זיך דערהויבן צו אַ באַדייטנדיקער קינסטלערישער מדרגה, סיי טעכניש און סיי טעמאַטיש, פירט עס נאָך אַלץ אויס די זעלבע פונקציע — צו באַפרידיקן די קולטור־עסטעטישע באַדערפעַנישן פון מענטשן.

אַזוי איינפאַך איז עס אָבער פאָרט נישט. אין משך פון יאָרן האָבן זיך אַרויסגערוקט אָן אַ שיער פאָדערונגען — צום טעאַטער.

דיקטאַטאָרישע רעזשימען פאַרלאַנגען, אַז די טעאַטער־קונסט און פראָבלעמאַטיק זאָל נישט נאָר באַרעכטיקן דעם געגעבענעם רעזשים, און זיין דאָקטרין — עס זאָל אויך שטאַרקן דאָס פאַטריאָטיש געפיל און די קרבנות־גרייטקייט פון יחיד פאַר דער פאַרטיי־אידעאָלאָגיע; קינסטלער פאַרלאַנגען דאָס רעכט אויסצודריקן זייערע געפילן בנוגע פראָבלעמען אין דער פאָרם, ווי עס אַנטשפּרעכט זייער באַציאונג און אויפפאַסונג פון פראָבלעם. עסטעטן מיינען — אַז טעאַטער דאַרף אָפּשפּיגלען דאָס שיינע, דאָס יום־טוב׳דיקע — ווייל דאָס וואָכיקע און באַנאַלע רינגלט דאָך אונדז אַרום טאָג־טעגלעך. טעאַטער דאַרף סטימולירן מענטשן־ליבע און גוטע טאַטן, ס׳דאַרף העלפן באַקעמפן דעם עגאָיזם וואָס זיצט (און דאָמינירט) אין מענטשלעכן כאַראַקטער.

מען קאָן ציען די רשימה אָן אַ סוף, און אַלץ נישט אויסשעפּן די פאָדערונגען וואָס עס שטעלן אַרויס ראָמאַנטיקער, ראַציאָנאַליסטן און פיל אַנדערע.

פון דער לאַנגער רשימה פראַגן און פאָדערונגען צום טעאַטער, ווילן מיר זיך בלויז אָפּשטעלן אויף איינער: וואָס אייגנטלעך זוכן מיר, און וואָס דערוואַרטן מיר, ווי יידן — פון טעאַטער?

עס איז אַ וויכטיקע פראַגע, ווייל יידן פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן די פערמאַנענטע טעאַטער־באַזוכער.

די דאָזיקע פראַגן האָבן זיך אַרויסגערוקט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לעצטנס אויפגעפירטער פאָרשטעלונג פון ראָן אלישע „דורך פליכט געבונדן" — אין דער דיסקוסיע אויף וועלכע מען טרעפט זיך אָן צווישן די, וואָס האָבן די פאָרשטעלונג בייגעוווינט, און צווישן די — וואָס מאַכן זייערע אויספירן אויפן סמך פון אַן אינטערוויו מיטן מחבר, און פון אייניקע צייטונגס־רעצענזיעס.

דער אינהאַלט פון דער פאָרשטעלונג איז אַ געוויינלעכע, טאָג־טעגלעכע געשיכטע — וואָס חזרט זיך איבער אין פאַרשידענע וואַריאַציעס. אין דעם פאַל — האָט זיך אַ יידישער בחור פאַרליבט אין אַ נישט־יידישער מיידל, אָדער ווי די הויפּט־העלדין פון דער פאָרשטעלונג — די מאַמע באַצייכנט עס: פאַרליבט אין אַ שיקסע.

די פאָרשטעלונג, וועלכע שטייט אַרטיסטיש אויף אַ קינסטלערישן ניוואָ, האָט אָנגעריכט אין שוואַכן פונקט אין דער יידישער מענטאַליטעט: די פאַרגעטערטע יידישע מאַמע. די יידישע מאַמע איז דורך דורות געוואָרן דער סינאָנים פון משפחה׳דיקייט, פון מסירת נפש און איבערגעגעבנקייט. זי איז דערהויבן (דער עיקר אין דער ליטעראַטור) געוואָרן צו אַ סימבאָל פון — דער יידישער מאַמע. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זיך פאַרמאָסטן אַראָפּצושטופּן פון גאָלדענעם פּיעדעסטאַל די „יידישע מאַמע", דער שרייבער ראָט אין זיין בוך: „פאָרטנאָי באַקלאָגט זיך". אויך אלישע שאַנעוועט נישט דער מאַמען. ער ווייזט איר ווי אַ נישט־טראַכטנדיקע, היסטערישע פרוי, וואָס האָט אין זין בלויז אירע אייגענע געפילן און שטרעבונגען. ווייזט אויס, אַז ערגעץ ווו האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ ביטערקייט ביי די מחברים, וואָס זוכן אַן אויסדרוקס־פאָרם. די באַרימטע „יידישע מאַמע" איז נישט נאָר גרייט אַלץ אַוועקצוגעבן פון זיך, און פון אַלץ זיך אָפּצוזאָגן פאר איר קינד — אין גאָר אַ סך פאַלן פאַרלאַנגט זי אויך אַ פרייז, און טייל מאָל — א צו הויכן פרייז (אפילו אומבאַוווּסטזיניק). זי זוכט צו דאָמינירן דאָס לעבן פון בחור אָדער מיידל — און צושנידן אים — לויט איר פאַסאָן (איר פאָרשטעלונג) ווי זיין פאַמיליע־לעבן דאַרף אויסזען.

אין דעם געגעבענעם פאַל „דורך פליכט פאַרבונדן" נוצט די מאַמע אַלע מיטלען אין איר רשות: זי זידלט, זי חלשט; זי האָט אַ שוואַך האַרץ. דער זון אירער האָט חתונה מיט דעם מיידל, ווי די עלטערן ווינטשן זיך. נאָך אַכט יאָר צוזאַמענלעבן קומט דער צוזאַמענברוך, און די מאַמע קאָן עס נישט באַגרייפן:

— האָסט אַ פרוי מיט טייערע קינדער; אַן אייגן שיין הויז; ביזט אַ דערפאָלגרייכער דאָקטער — וואָס ווילסטו נאָך? און צוריקגערעדט: ווער האָט דיך דען געצוווּנגען חתונה צו האָבן מיט דעם מיידל?

די עלטערן זעען די מאַטעריעלע זייט — זיי פעלט אָבער די פאַרשטענדעניש, אַז אין פאַמיליע־לעבן דאַרף אויך זיין ליבע, אַ געמיינזאַמע שפּראַך און געמיינזאַמע אינטערעסן. פאַר די עלטערן זענען גענוג — די אייניקלעך.

אין לעבן (און דאָס קומט צום אויסדרוק אויף דער בינע, ווי אין דער ליטעראַטור) דערפירן דאָמינירנדיקע מאַמעס צו טראַגעדיעס — פון וועלכע זייערע קינדער

---

מיט אַזוי פיל אחריות און פּינקטלעכקייט. אַ דאַנק זייער איינלאַדונג האָט אונדזער כאָר געהאַט די געלעגנהייט זיך צו געפינען צווישן די גרויסע מוזיקער און כאָרן פון דער וועלט. דער „הזמיר" האָט זיך צוגעאייגנט אַ פּרעכטיק בלאַט פאַר זיין געשיכטע. אָבער וויכטיקער פון אַלץ: פון די איבערלעבונגען און דערפאַרונג וואָס מיר האָבן געהאַט אין ישראל האָבן מיר זייער פיל געלערנט. דאָס וועט זיכער זיין פאַר אונדז אַן אָנרעגונג פאר ווייטערער, פּרוכטבאַרער אַרבעט.

בינע. בידע זייטן פון דער בינע זענען באַצירט מיט די פענער פון די לענדער פון די אָנטיילנעמער — אויך די אויסטראַלישע צווישן זיי.

באַלד באַוויזט זיך אויף דער בינע דער טאַלאַנטירטער שווייצאַרישער דיריגענט, ווילי גאַל, וועלכער וועט פון איצט אָן יעדן טאָג אָנפירן מיט אונדז דאָס זינגען בציבור אין דעם זאַל. גלייך האָבן מיר געהאַט אַ ביישפיל פון ווילי גאַלס אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן. אין אַ שעה צייט האָבן 21 כאָרן געזונגען ווי איינער. דער רושם, דאָס געפיל וואָס איינער לעבט איבער זיצנדיק אין אַ זאַל וואָס הילכט מיט די קלאַנגען פון 800 געשולטע שטימען, וועלכע זינגען אין האַרמאָניע, קען זיך נאָר דער פאַרשטעלן, וואָס האָט עס אליין מיטגעמאַכט; עס נעמט איבער אַ געפיל פון לייכטקייט און דערהויבנקייט, מען קוקט אויפן דיריגענט און עס זינגט זיך מיט. מען ווערט אַ טייל פון אַ גאַנצקייט וואָס שאַלט און וויברירט — דער איינדרוק איז אומפאַרגעסלעך. מיר האָבן זעלטן אדורכגעלאָזט דאָס זינגען בציבער מיט ווילי גאַל, פון וועמען מיר האָבן פיל געלערנט.

אונדזער ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט האָבן מיר געהאַט דעם זעלבן אָוונט, צוזאַמען מיט אַנדערע כאָרן, טאַקע אין אויבנדערמאָנטן יד לבנים אין כפר סבא. אונדזער זינגען און רעפּערטואַר האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, דאָס האָבן באַשטעטיקט די לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. מיר האָבן אויך געהאַט גרויס פאַרגעניגן, צוהערנדיק זיך צום פאַרשידנאַרטיקן רייכן פּראָקראַם פון די אַנדערע כאָרן.

מיר האָבן אַ חוץ דאָס טעגלעכע זינגען בציבור, אָנטיילגענומען אין 9 עפנטלעכע קאָנצערטן. אויסער דעם שוין דערמאָנטן קאָנצערט אין כפר סבא, האָבן מיר געזונגען: אין יוספטאל, אין קיבוץ עין שמר, אין הירקון פּאַרק — תל־אביב, אין בניני האומה — ירושלים; מיט דער אָנוועזנהייט פון יושב־ראש הכנסת יצחק שמיר; כאָר־צו־כאָר אין בית ברל הויפּט־אודיטאָריע; אין קיבוץ אפק; אין קיבוץ מצובה — גליל העליון, און דאָס לעצטע מאָל צו דער אָפּשלוס־פייערונג אין אמפיטעאַטער — בית ברל.

אין יוספסטאל — אַ תימניש שטעטל — האָט אויך אָנטיילגענומען דער דראַקענסבערג כאָר פון יונגע ייִנגלעך, איינער פון די בעסטע כאָרן פון זיד־אַפריקע.

אין עין שמר זענען מיר אָנגעקומען דעם ערשטן פרייטיק און פאַרבראַכט ביז שבת צו נאַכט. מיר האָבן דאָרט געהאַט צוויי דערפאָלגרייכע קאָנצערטן: איין קאָנצערט פאַר די קינדער און איינעם פאַר דערוואַקסענע. די באַזוכן און קאָנצערטן אין די קיבוצים עין שמר און אפק זענען געווען העכסט אינטערעסאַנטע.

שבת אין אָוונט, פאָרן מיר פון עין שמר קיין תל־אביב, צום קאָנצערט אין הירקון פּאַרק. דאָרט געפינט זיך אַ גרויסע בינע, וועלכע איז אויסגעבויט צופוסנס אַ שטח וואָס ציט זיך משופּעדיק אַרויף. דער עולם האָט אויסגעפילט דעם גאַנצן באַרג ביז צום האָריזאָנט. דאָ איז אונדזער דערפאָלג געווען אַ טאָפּלטער, ווייל אַ חוץ די רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן, זענען פיל מענטשן פון עולם אונדז געקומען דאַנקען נאָכן קאָנצערט.

צומאָרגנס, זונטיק, איז פאָרגעקומען דער גאַלאַ־קאָנצערט אין בניני האומה אין ירושלים. דאָ האָבן אָנטייל גענומען אַלע אויסלענדישע כאָרן; יעדער נאָר מיט איין ליד. אונדזער „חסידישער בים־באָם" האָט אויסגענומען זייער שטאַרק. אגב, איז עס געווען אין דעם טאָג דער איינציקער ייִדישער ניגון.

דינסטיק האָבן מיר געזונגען כאָר־צו־כאָר אין דער הויפּט־אודיטאָריע אין בית ברל. דער זאַל נעמט אַריין אַן ערך 600 פּערזאָן און איז געווען אויסגעפילט מיט זינגער פון די אַנדערע כאָרן; פאַרשטענדלעך, אַלע מבינים אין דער קונסט. אויך ביי זיי האָבן אונדזערע ייִדישע און העברעישע לידער געהאַט דערפאָלג.

ווי די פאַבריקע וואָך, זענען מיר פרייטיק געפאָרן פאַרברענגען אין די קיבוצים. נאָכמיטאָג קומען מיר אָן אין קיבוץ אפק. די אויפנאַמע, פונקט ווי די פאַבריקע וואָך, איז געווען אַ האַרציקע. צום קאָנצערט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין אָוונט, אין זייער גרויסן עס־זאַל, האָט אונדזער דיריגענט אויסגעקליבן 6 לידער. דער עולם האָט זיי וואַרעם אויפגענומען און געבעטן נאָך. נאָך ווייטערדיקע צוויי לידער האָבן זיי ווידער גערופן נאָך... און נאָך... און נאָך... זיי האָבן אונדז נישט אַראָפּגעלאָזט ביז מיר האָבן אויסגעזונגען דעם גאַנצן „מחזור" אונדזערן: אַלע לידער וואָס מיר האָבן מיטגענומען קיין ישראל. די אַלטע תושבים פון קיבוץ, וועלכע זענען יונגערהייט געקומען פון פוילן, זענען געווען אויסגעהונגערט נאָך אַ ייִדיש ליד. די הנאה וואָס זיי האָבן געהאַט, האָבן מיר געקענט אַראָפּלייענען פון זייערע פּנימער, ווען מיר האָבן געזונגען. פיל פון זיי האָבן געהאַט די אויגן פאַרמאַכט, אַ שמייכל אויפן געזיכט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צוגעקלאַפּט מיטן פוס צום טאַקט פון די לידער. זיי האָבן אונדז זייער לאַנג און וואַרעם געדאַנקט נאָך דעם קאָנצערט. דער תענוג פון דעם אָוונט איז געווען אַ קעגנזייטיקער, און מיר וועלן אים לאַנג געדענקען.

פון אפק זענען מיר ארויסגעפאָרן שבת נאָכמיטאָג און אָנגעקומען אין קיבוץ מצובה אין אָוונט. מען האָט אונדז אַראָפּגעלאָזט גלייך ביים טעאַטער, ווו עטלעכע אַנדערע כאָרן האָבן שוין געוואַרט. דער זאַל איז אַ גענוג גרויסער, שיין און מאָדערן געבויט. דאָ האָבן מיר געטראָפן עטלעכע יונגע אויסטראַלישע און ענגלישע קיבוצניקעס, וועלכע האָבן זיך מיט אונדז שטאַרק דערפרייט. אין פּראָגראַם האָבן אויך אָנטייל גענומען ישראלדיקע כאָרן און טאַנץ־גרופּן אין פאַרביק־רייכע קאָסטיומען; אַלע אויסערגעוויינלעך גוטע כוחות. אויך דעם אָוונט האָבן מיר געהאַט אונדזער חלק פון סוקצעס. נאָכן קאָנצערט זענען פיל באַזוכער געקומען אונדז פערזענלעך דאַנקען הינטער די קוליסן. ספּעציעל צופרידן זענען געווען די אויסטראַליער פון אונדזער „וואַלצינק מאַטילדאַ".

צומאָרגנס, זונטיק, דעם 15טן יולי אין אָוונט איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער אָפּשלוס פון דער „11־טער זמריה". די צערעמאָניע קומט פאָר אין דעם גרויסן, אָפֿענעם אַמפיטעאַטער אין בית ברל. אין דרויסן, אויפן פרייען פעלד פאַרן אַריינגאַנג, זענען אויסגעשטעלט טישן מיט געשמאַקע מאכלים און געטראַנקען. דער עולם עסט, טרינקט און שטיפט. דערנאָך גייט מען אַראָפּ צום טעאַטער. נאָך די געזעגענונגס־רעדעס פון די מנהלים פון דער „זמריה", רופט ירח אהרן, דער דירעקטאָר פון דעם פעסטיוואַל, יעדן כאָר באַזונדער פאַר איין לעצט ליד. נאָכן אָפּזינגען דאָס ליד באַקומט דער כאָר און זיין דיריגענט זייערע אַטעסטאַטן. עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט ווען די אימפּרעזע איז פאַרענדיקט, דאָך, גייט קיינער נישט שלאָפן. אַלע לאָזן זיך צום גרויסן באַלויכטענעם פּלאַץ נעבן דער קאַפעטעריע, ווו מען טאַנצט הוראַס און מען זינגט ביזן העלן טאָג אריין. אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט און שיין זענען געווען די צוויי וואָכן פון דער „11־טער זמריה". ווי אַ חלום אויף דער וואָר.

★

מיט גרויס רעספּעקט און באַוווּנדערונג פאַר דעם „זמריה"־קאָמיטעט מיט ירח אהרן בראש, שאַצן מיר אָפּ די קאָמפּליצירטע אַרבעט, וואָס איז געוואָרן אויסגעפירט

ס. ראַבינאָוויטש

# דער „הזמיר"־כאָר אין דער „זמריה" פון שלום 1979

ירח אהרן, דער דירעקטאָר פון דער „זמריה", האָט אין זיין אריינפיר־וואָרט זיך אויסגעדריקט אַזוי: „מיר טרעפן זיך דאָס יאָר צו דער 11־טער „זמריה" אין אַ צייט, ווען אונדזער לאַנג באַגערטער חלום פאַר שלום מיט אונדזערע שכנים איז אויפן וועג פון פארווירקלעכונג. מיר גלויבן, אַז דער „זמריה" ניגון וועט דורך אייך, טייערע געסט פון אויסלאַנד, דערגרייכן אין אַלע עקן וועלט. די חברשאַפט און ברידערלעכקייט וועלכע איר האָט דאָ אָנגעקניפּט זאָל זיך פאַרשפרייטן און אָנשטעקן אויך די, וועלכע זענען נאָך דאָ נישט געווען".

נאָך די שיינע און אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען אין בית ברל, בין איך איבערצייגט, אַז די 800 כאָריסטן פון אויסלאנד ,וועלן זייער לעבן לאַנג פאַרשפרייטן איבער דער וועלט דעם ניגון, וועלכער האָט ווי א כשוף אונדז אומעטום באַגלייט ביי דער „זמריה":

„שלום חברים, שלום חברים, שלום, שלום..."

★

אין אַ מונטערער שטימונג פאָרן מיר אָפּ דעם 2טן יולי פון תל־אביב קיין בית ברל — דער אינסטיטוט וועלכער

געפינט זיך נאָענט פון דער שטאָט כפר סבא, די גאַסטגעבערין פאַר דער 11־טער „זמריה".

פאַר דעם אַריינפאָר באַמערקט מען גלייך באַגריסונגען אין ענגליש און העברעיש, ברוכים הבאים. זעלנער באַווייזן זיך ביים טויער; וואַרשיינלעך ווייסן זיי שוין ווער מיר זענען, ווייל מיר פאָרן דורך אָן שוועריקייטן. עס אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז פונדערווייטנס גרעסערע און קלענערע געביידעס, אַרומגערינגלט מיט אַ סך ביימער און גרינס. ווי נאָר מיר שטייגן אויס, באַווייזט זיך פאר אונדז אַ יונגע בחורה: דליה איז מיין נאָמען, שטעלט זי זיך פאָר. איך וועל זיין אייער באַגלייטערין דורך דער צייט וואָס איר וועט דאָ פאַרברענגען. באַלד באַקומט יעדער איינער פון איר אַ טעקע אין וועלכע מיר געפינען: אַ רויט־ווייס זונהיטל מיטן אויפשריפט „11טע זמריה", אַ ביכעלע מיט מאָלצייט־קופּאָנען, עטלעכע געזאַנג־ביכער און אַ פּראָגראַם פון גאַנצן פעסטיוואַל. זי באַזאָרגט אונדז אויך מיט שליסלען צו אונדזערע שלאָפצימערן, וועלכע געפינען זיך אין צוויי צימערדיקע הייזקעס מיט אַלע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן, אפילו קילונג אין די שלאָפצימערן, דאָס איז פאַר אונדז געווען אַן אָנגענעמער סורפּריז.

ביסלעכווייז באַקענען מיר זיך מיט דער געאָגראַפישער לאַגע פון בית ברל. צווישן דעם גרינס און ביימער געפינען זיך אַספאַלטירטע וועגן אויף וועלכע עס זענען דאָ אינפאָרמאַציע טאָוולען, אַ דאַנק וועלכע מען בלאָנדזשעט נישט. אין צענטער געפינען זיך עטלעכע גרעסערע און קלענערע אַרבעטס־זאַלן מיט פּיאַנאָס פאַר פּראָבן, אַ גרויסע אוידיטאָריע און אַן אַמפּיטעאַטער פאַר קאָנצערטן. אין איין געבידע געפינט זיך: די הויפּט־אדמיניסטראַציע, אינפאָרמאַציע־ביוראָ, פּאָסט, באַנק און ווירטשאַפט־פאַרוואַלטונג. אין מיטן — אַ גרויסער פּלאַץ צום פאַרברענגען אונטערן פרייען הימל און אַ קאַפעטעריע, וועלכע איז אָפן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער עס־זאַל, ווו מיר האָבן געגעסן האָט אויפגענומען 200 פּערזאָן אויף איין מאָל. קעגנאיבער די וווין־הייזער האָבן זיך געפונען צוויי גרויסע שווים־באַסיינען, ווו מיר האָבן פאַרברענגט אין דער פרייער צייט.

לויט די פּראָגראַמען, וואָס מיר האָבן באַקומען, זעען מיר, אַז פון די 21 אויסלענדישע כאָרן זענען נאָר דריי יידישע: אונדזערער — און צוויי פון אמעריקע. פון די אַנדערע זענען געווען: 4 פון אמעריקע, 4 פון מערב־דייטשלאַנד, 2 פון שפּאַניע, 2 פון דרום אַפריקע, 2 פון בעלגיע און צו איינעם פון פראַנקרייך, נאָרוועגיע, איטאַליע און עסטרייך. אַ חוץ די אויסלענדישע, האָבן אויך אָנטייל גענומען אין דער „זמריה" 25 ישראל־כאָרן. מאַנכע פון די כאָרן האָבן שוין אַ רום. זיי האָבן שוין אָנטייל גענומען אין פאַרשידענע אינטערנאַציאָנאַלע געזאַנג־פעסטיוואַלן; טייל פון זיי באַטייליקן זיך שוין דאָס דריטע און פערטע מאָל צו דער „זמריה" אין ישראל.

אונדזער דיריגענט אדריאַן באַרטאַק, צוזאַמען מיט אונדזער פּיאַניסטין מרים ראָכלין, האָבן גלייך אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פאַר אונדזער ערשטן אויפטריט, און אונדז „מאָביליזירט" צו פּראָבן. צומאָרגנס, נאָך פרישטיק, זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין כפר סבא, צום היכל התרבות, וועלכער רופט זיך — יד לבנים, איינער פון די שענסטע, מאָדערנע טעאַטערן אין ישראל.

דער זאַל האָט זיך אויסגעפילט מיט 800 כאָריסטן. איינער פון די כאָרן מיט אַן אָרקעסטער האָט פאַרנומען די

עס איז אָבער צום באַוווּנדערן: נאָך די אַלע אַנטוישונגען; נאָך די אַלע תפיסות און לאַגערן, און פאַרשיקונגען — האָבן קערלער און זיינע פריינד נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן די האָפענונג — אַז אין סאָוויעט־רוסלאַנד וועט נאָך אַלץ קלינגען דאָס יידישע וואָרט.

אין אָנבליק פון דעם דאָזיקן גלויבן, האָט יוסף קערלער פאַרענדיקט זיין בוך: 12טער אויגוסט 1952 — די טראַגישע געשיכטע פון אַ פאַרשניטענער קולטור מיט די גלויביקע שורות:

פון אונדזער געביין מעג ניט לאָזן קיין סימן
די האַק און דער חלף, דאָס פייער און שווערד —
נאָר סיוועלן נישט אויפהערן קלינגען די שטימען
פון יידישע דיכטער אויף רוסישער ערד!

★

מיר באַגריסן היינט די קערלערס אין מעלבורן, אין די ווענט פון דער „קדימה" — צווישן די דאָזיקע ווענט — זינט 1911 — האָט מען געפילט דעם גייסט, די אַטמאָספער, די פאַרבינדונג מיטן יידישן לעבן און מיטן יידישן פאָלק — און אַלע געשעענישן אין יידישן לעבן האָבן דאָ געהאַט אַן אָפּקלאַנג.

מיר באַגריסן יוסף קערלערן נישט נאָר ווי דעם פּאָעט, דעם קעמפער פאַר די רעכט פון סאָוויעטישע יידן — מיר פילן — ער איז דער רינג וואָס פאַרבינדט אונדז נענטער, ענגער מיט די פּראָבלעמען — מיט וועלכע עס ראַנגלען זיך היינט יידן אין מדינת ישראל און יידן אין דער וועלט.

נעמען מיר אים אַרום ווי אַ פריינד, ווי אַ ברודער, און זאָגן אים — ברוך הבא!

צוליב זיין קלאָג־ליד אויף פּושקינען, ווערט לערמאָנ־טאָוו אין יאָר 1837 פאַרשיקט קיין קאַווקאַז.

ער שרייבט דאַן זיין געזעגענונג־פּאָעמע:

פּראָשטשיי ניעמיטאַיאַ ראַסיאַ
סטראַנאַ גאַספּאַד
סטראַנאַ ראַבאָוו
אי ווי מונדירי גאלוביע
אי טי פּאַסלושני אים נאַראָד.
יאַ אויעזשאַיו נאַ קאַווקאַז.

יידישע איבערזעצונג:

פאַרבלייב דו אומגעוואַשן רוסלאַנד —
דאָס לאַנד פון האַרן
דאָס לאַנד פון קנעכט
און איר — מונדירן בלויע
און דו — אַ פאָלק
וואָס ביסט געהאַרכזאַם זיי.
און קיין קאַווקאַז — איך פאָר אַוועק...

פאַר זיין ליבע צו רוסלאנד, פאַר זיין ווילן צו זיין אַ יידישער דיכטער ווערט קערלער פאַרשיקט נישט קיין קאַווקאַז — נאָר אין די קוילן־שאַכטן פון וואַרקוטאַ.

און אויך קערלער — ווי לערמאָנטאָוו ברענגט אין ליד אַרויס אַ תפילה, אַ ווונטש וועגן זיין היימלאַנד:

אין בלוט און פלאַם געשייערטע,
געוואַשענע אין טרערן,
גיב גאָט, דו זאָלסט מיין טייערע,
אַ מאָל כאַטש ריין שוין ווערן!

די זעלבע פעלדער טרויערן,
די זעלבע הימלען פרירן,
די זעלבע זשעדנע אויערן,
די זעלבע — די מונדירן.

און אויך די אויגן בויערן
פון יעדער זייט — אַנטקעגן,
און אויך די שרעקן לויערן
אויף אַלע דיינע וועגן.

נאָר צייטן, זאָגט מען, בייטן זיך —
די הימלען שוין צעשלאָסן,
שוין אַנדערע די ווייטקייטן,
און אַנדערע — די מאָסן.

און סיקאָן קאַווקאַז ניט העלפן שוין
מיט אַלע בערג און שפּאַלטן
פון די אַבלאַוועס וועלפישע
אַ דיכטער אויסבאַהאַלטן.

★

קערלערס ערשט בוך אין ישראל — איז דערשינען אין יאָר 1971. אויב אַ נאָמען פון אַ בוך קאָן, און דאַרף כאַראַקטעריזירן דעם מהות פון דיכטערס איבערלעבונגען, די ראָם — אין וועלכע דאָס אַלגעמיינע בילד, די געמיינ־זאַמע שטריכן פון דיכטונג, וועלכע די ראָם נעמט אַרום — איז גאָר נישט מעגלעך קיין מער כאַראַקטעריסטישער נאָמען, ווי:

„דאָס געזאַנג צווישן ציין״.

דער דיכטערישער קוואַל — און אפשר איז עס גאָר געווען אַ ווולקאַן — ווער ווייס? דאָס אַלץ ברויזט אין אים אינעווייניק. אָבער גוטער ברודער — די ציין האַלט גע־שלאָסן, דאָס וואָרט זאָל זיך ניט ארויסרייסן און דיר פאַרראַטן.

ווייל מען ווייס פון פאָרויס:

„אַז מיין לשון ווערט געשלאָגן
און מיין פאָלק איז שטום
און דער כאַם, דער זעלבער רשע
שפּאַרט פון אומעטום״.

אַזוי שרייבט קערלער אין 1949.

אין זיין נייסטן לידער־בוך:

„די ערשטע זיבן יאָר״ פילט מען, ווי דער דיכטער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, ער פאַרגינט זיך שוין א שמייכל טאָן (עפּיגראַמיש), ער פאַרגינט זיך שוין אַ וואָרט פון קריטיק, וואָס קומט פון ליבשאַפט.

אפילו דער נאָמען פון ליד, זאָגט אונדז שוין א סך. „אונטער מיין זון״ הייסט דאָס ליד, און אָט איז אַ סטראָפע פון דעם ליד:

אַ גאָט —
אַזוי פיל שפּראַכן און מנהגים
אַזוי פיל קרומע גענג,
אַזוי פיל... גוטע מידות...
צומאָל דערמאָנט עס בבל
און צומאָל — להבדיל סדום,
און מער פון אַלץ —
דאַ טיאַכקעט ער, דער טרוים,
וואָס אויסגעתפילהיט האָבן דורות ידן!

די סאָוויעטיש־יידישע דיכטער ווי קערלער, טעלעסין, מאַלטינסקי און אַנדערע זענען אַוועק פון רוסלאַנד, ווייל דאָרט איז די אַטמאָספער פאַר אַ יידישן דיכטער געוואָרן פאַרסמט; מען האָט נאָך אַלץ פאַרלאַנגט דער דיכטער זאָל גיין — ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט האַלקין אין אַ ליד:

און דאָס איז דער גורל פון אַלעמען אונדז —
אַז אויב נאָר דו לעבסט, מוזטו ווייזן אַ קונץ
איבערן אָפּגרונט פאַרוואַרפן אַ שטריק
און גיין אויפן שטריק, ווי אויף אַן אייזענער בריק.

מאַרקיש און בערגעלסאָן און קולבאַק האָבן נאָכגע־פאָלגט זייער טרוים — וואָס האָט זיי פאַרראַטן —

קערלער, מאַלטינסקי, טעלעסין און די אַנדערע דיכ־טער זענען צוריקגעקומען צו דער וואָר פון זייער חלום — אַ פרייע יידישע מדינה — וווּ דער דיכטער קאָן זיך אויס־לעבן אי ווי אַ ייד, און אי ווי אַ יידישער דיכטער.

**מ. אײזענבוד**

# דעם פּאָעט יוסף קערל̃ערן – מיט פֿרײַנדשאַפֿט

דער ייִדישער גורל און די ייִדישע ליטעראַטור זענען אַ סיאַמער צווילינג — וועלכן מען קאָן נישט פֿאַרנאַנ־דערטײלן.

דער דאָזיקער גורל האָט ארויפגעלײגט אַ ווײכטיקע אויפגאַבע אויף דער ייִדישער פּאָעזיע, זי זאָל זײַן מער — ווי פּאָעזיע איז מחויב צו זײַן — דער עסטעטישער אויס־דרוק פֿון דער מחשבה און געפֿיל פֿון פּאָעט. די ייִדישע פּאָעזיע איז שוין בײַ איר אָנהויב געווען די שטים פֿון פּראָטעסט, פֿון רעוואָלט, פֿון שטורעם. די פּאָעטן זענען געווען די פֿאָנען־טרעגער פֿון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידײען און אויפֿברויזן. האָבן דאָך דעם יסוד פֿון דער מאָדערנער פּאָעזיע געלײגט די סאָציאַלע פּאָעטן: עדעל־שטאַט; ווינטשעווסקי; ראָזענפעלד; באָוושאָווער.

בײַ זײ איז די פּאָעזיע געווען דער מיטל, דאָס געווער וועלכן זײ האָבן באַנוצט אין קאַמף. דער סאָציאַלער קאַמף איז בײַ זײ געווען דער עיקר.

און טאַקע די פּאָעזיע פֿון שוויץ־שאָפּ, פֿון קלאַסן־קאַמף, פֿון מענטשלעכן עלנט האָט אויפֿגערודערט די גע־מיטער פֿון די ייִדישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן גענאָסן פֿון פּאָליטישער פֿרײַהייט און נישט געוווּסט מיט איר וואָס צו טאָן, און נישט פֿאַרשטאַנען, אַז זײ קאָנען זיך אַנט־קעגנשטעלן זײער ביטערער דאָליע.

דער דיכטער יוסף קערלער איז אָבער אַ פּראָדוקט פֿון אַן אַנדער צײַט און אַן אַנדער קאַמף. ער איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און איז אריינגעוואַקסן אין רעזשים אָן צו געדענקען מצרים — און דעם טאָפּ פֿלייש.

זײַן ליד איז געווען דאָס ליד פֿון פֿרײַען מענטשן. (ווען די קאָנסטיטוציע האָט אים פֿאַרזיכערט) און ער האָט געקענט און גערדאַרפֿט שאַפֿן אין די ראַמען פֿון די אָנגענומענע כּללים:

„סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל — לויט דער פֿאָרם".

פֿון דעם חלום, וועלכן ס'האָבן געחלומט אי מאַרקיש, אי בערגעלסאָן, אי עריק, אי קולבאַק, אי האָפּשטײן — אָט די אַלע וועלכע האָבן אָוועקגעוואָרפֿן דעם „דעקאַדענ־טישן" מערב און זיך אַוועקגעלאָזט קײן סאָוויעטן־רוסלאַנד — פֿון דעם חלום האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בערגל ערד איבער אומבאַקאַנטע קבֿרים.

אין גורל פֿון די ייִדיש־סאָוויעטישע קינסטלער, איבער־הויפּט שרײַבער — איז אריינגעוועבט דער פֿאָדעם פֿון גורל פֿון די בעסטע רוסישע דיכטער פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט — ווײַל אויך אין אונטערבאַוווּסטזײַן פֿון די סאָוויעטישע קאָמוניסטישע פֿירער לויערט די מורא פֿאַרן קינסטלער ווי זי האָט געלויערט אין באַוווּסטזײַן פֿון די צאַרישע סאַטראַפּן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

דער באַרימטער רוסישער פּאָעט, אַלעקסאַנדער פּוש־קין איז פּראָוואָצירט געוואָרן אויף אַ דועל — און איז געפֿאַלן. דאָס איז געווען מיט אַ הונדערט און 40 יאָר צוריק.

וועגן אים האָט דאַן לערמאָנטאָוו געשריבן דאָס באַ־רימט געוואָרענע ליד:

פּאַגיב פּאָעט — ניעוואָלניק טשעסטי,
(עס איז אומגעקומען דער פּאָעט
בײַ דער ערע געפֿאַנגען)

ווי ער באַקלאָגט דעם גורל פֿון פּאָעט — און באַשולדיקט דעם רעזשים אין זײַן טויט.

און ווען עס איז געפֿאלן דער גרויער קאָפּ פֿון שלמה מיכאָעלס — הונדערט יאָר שפּעטער — אָבער מיט די זעלבע טײוואָלאָנישע מאַכינאַציעס, דורך גדונגענע מערדער — האָט פּרץ מאַרקיש באַוויינט מיכאָעלסן:

דײַן לעצטער אויפֿטריט פֿאַרן פֿאָלק
צווישן בראַך־שטיקער מיט שניי באַשאָטן
נאָר אָן דײַן וואָרט, נאָר — אָן דײַן קול
בלויז דײַן פֿאַרשטיקטער אָטעם —

אויך פּרץ מאַרקיש איז געפֿאלן—מיט בלײַ אין ברוסט, פֿאַרבויגנדיק זײַן שטאָלצן קאָפּ.

צען יאָר שפּעטער, אין יאָר 1959 האָט מען דערלויבט אויפֿצושטעלן אַ דענקמאָל מיכאָעלסן, אָבער ייִדיש איז געווען פֿאַרווערט. בײַ דער אַנטהילונג פֿון דענקמאָל האָט יוסף קערלער אויסגעוויינט זײַן פּיין:

דײַן שטאָלצער אָפּגעהאַקטער קאָפּ
מיר דוכט זיך, פּלוצעם גראָ ווערט
ער הויבט די ברעם, די בראַנדזענע,
פֿאַרחידוש:
— געקומען זענט איר היינט
מיר אָפּצוגעבן כּבוד
און לאָזט ניט צו צו מיר
מײַן מאַמע־לשון ייִדיש?

און קערלער פֿאַרזיכערט זײַן גרויסן רבין:

נאָר נײַן!
די קלאָרע וואָר איז —
פֿון שרעק אַזעלכע איז מײַן וואָרט
באַוואָרנט:
דורך פּײַן און בלוט,
דורך היטלערס קרעמאַטאָריעס —
קײן זילב קײן אײנציקן
האָט ייִדיש ניט פֿאַרלאָרן.

★

די טראַגעדיע פֿון די דיכטער באַשטײט אין דעם, וואָס טראָץ זײער ליבע צום רוסישן הײמלאַנד — האָט דאָס זעלבע הײמלאַנד זײ באַהאַנדלט ווי שטיף־קינדער.

---

*רעדע געהאַלטן אויף דער אויפֿנאַמע פֿאַר י. קערלערן אין „קדימה".

הויז פון די מערקינס און אַזוי אַרום האָט מאַקס עריק באַהערשט פולשטענדיק די העברעישע שפּראַך און די העברעישע ליטעראַטור. אין 1918 האָט ער גענדיקט די פּוילישע סטאַשיץ רעאַל־גימנאַזיע אין סאָסנאָווצע מיט אויסצייכנונגען און האָט אויך פולקאָם באַהערשט די פּוילישע שפּראַך.

אין די יאָרן 1919־1921 דינט ער אין פּוילישן מיליטער, ווו ער דערגרייכט די ראַנגע פון אַ 2 שטערן־אָפיציר. נאָכן פאַרענדיקן דאָס מיליטער־דינסט שטודירט ער דריי יאָר יורי אין קראָקעווער אוניווערסיטעט. אין די יאָרן 1925־1926 געפינט ער זיך שוין אין ווילנע אויף דעם פּאָסטן פון אַ לערער פון יידישער און פּוילישער ליטעראַטור אין איינער פון די יידישע מיטל־שולן.

אין ווילנע גיט ער אַרויס, צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן שרייבער זלמן רייזען אַ כרעסטאָמאַטיע וועגן דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. ער באַטייליקט זיך אויך זייער אַקטיוו אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט „ייוואָ״. אין דער זעלבער צייט דערשיינט אין וואַרשע זיין ערשט בוך א״נ „קאָנסטרוקציע שטודיען״ אין וועלכן ער באַהאַנדלט די דראַמאַטישע שאַפונגען פון י. ל. פּרץ: „די גאָלדענע קייט״ און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״.

אין 1926 דערשיינט ווידער אַ בוך פון מאַקס עריקן וועגן אַן אַלט־יידישן ראָמאַן און נאָוועלע, פון 14־טן און 16־טן יאָרהונדערט.

מאַקס עריק ווייזט אויך ארויס גרויס קענטשאַפט אין דער אַלגעמיינער וועלט־ליטעראַטור, און שרייבט עסייפּאָרטרעטן וועגן האַנס עווערסן, דזשעק לאָנדאָן; זעצט איבער פאַרשיידענע ווערק פון באַרימטע וועלט־שרייבער, צווישן זיי אַנרי בערנסאָנס בוך „דאָס געלעכטער״. זיין לעצט בוך דערשינען אין פּוילן אין יאָר 1928 איז „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה תקופה״. דאָס בוך רופט ארויס אַ גרויסע פּאָלעמיק אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט, אָבער אַלע קריטיקער און אָפּשאַצער אָנערקענען דעם גרויסן טאַלאַנט פון דעם יונגן ליטעראַטור פאָרשער, וועמענס עטיודן און עסייען זענען פון גאָר גרויסן ליטעראַרישן ווערט.

פונקט ווי אַ סך יידישע שרייבער און קינסטלער, האָט ראַטן־פאַרבאַנד געלאָקט און געצויגן — מיינענדיק און טראַכטנדיק, אַז אין דעם דאָזיקן (מ׳שטיינס געזאָגט) סאָציאַליסטישן לאַנד, וועט מקוים ווערן די וויזיע פון ישעיהו הנביא פון אַ פריי צוזאַמענלעבן פון אַלע פעלקער און ראַסן בשלום ושלוה...

אין יאָר 1929 פאַרלאָזט מאַקס עריק פּוילן און קומט אָן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווו ער ווערט אויפגענומען מיט גרויס פריינדשאַפט אין די יידישע וויסנשאַפטלעכע און שרייבערישע קרייזן: באַקומט אַ הויכן פּאָסטן אין מינסק אַלס לערער פון יידישער און העברעישער ליטעראַטור אין דער דעמאָלטיקער יידישער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע אין מינסק. ער אַוואַנסירט מיט זיינע גרויסע קענטעניש אויפן געביט פון יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור, באַקומט דעם טיטל פון פּראָפעסאָר און פירט אָן די סעקציע פאַר ליטעראַטור און קריטיק ביי דער אוקראַאינישער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע אין קיעוו.

אין 1932, ווען עס הייבן זיך אָן די ערשטע נגישות און רדיפות מצד דער סטאַלין קליקע קעגן יידישע שרייבער און וויסנשאַפטלער, רירט עס אויך אָן מאַקס עריקן. ווי די מאָדע איז געווען — מוז ער זיך אַליין אָפּשמייסן — פעסטשטעלנדיק עפנטלעך אין דער ליטעראַרישער יידישער און רוסישע פּרעסע, אַז זיינע עסייען און ליטעראַרישע שאַפונגען זענען נישט געגנוג באַגרינדעט פון אַטעאיסטישפּראָלעטאַרישן וועלט־באַנעם. און אין נאָך אַ זאַך האָט ער זיך געמוזט מודה זיין: אין אַן אַרבעט וועגן שלום אשן, אין וועלכן ער פאַרגלייכט אים מיט דעם גרויסן רוסישן שרייבער לעוו טאָלסטאָי, האָט ער געמוזט צוגעבן, אַז ער האָט פאַרגעסן צו זאָגן, אַז דער יידישער שרייבער שלום אַש איז דער דעגענערירטער טרובאַדור פון פאַשיזם אין דער יידישער וועלט.

דאָס שלאָגן זיך על־חטא האָט נישט געהאָלפן.

די שנאה פון סטאַלינען און זיינע יוצר־משרתים צו יידן בכלל און צו דער קאָמוניסטישער יידישער אינטעליגענץ בפרט האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אויסווירקן. אין די יאָרן 1933־1936, ווען דער צוקונפטיקער שותף — היטלער און די נאַציס, האָבן אָנגעהויבן צו געוועלטיקן איבער דייטשלאַנד מיט דער פולער קראַפט — האָט זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד אויך אָנגעהויבן ענלעכע יידן־פאַבישע אַרויסטריטן. די ערשטע אַנטיסעמיטישע קרבנות זענען געווען אַ גרויסע צאָל יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער. צווישן זיי איז אויך געווען דער שרייבער — מאַקס עריק. אין 1936 ווערט מאַקס עריק אַרעסטירט און פאַרשיקט אין אַ לאַגער צוזאַמען מיט אַ גרעסערע צאָל יידישע שרייבער. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1937 שטאַרבט ער אַ קאָמפּראָמיטירטער, אַ פאַרלאָזענער, מאָראַליש צעבראָכענער און עלנטער — אַלט זייענדיק קוים 39 יאָר.

מאַקס עריק איז געווען פון די ערשטע מאַרטירער צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן געדינט בלב ונפש דער מאָנסטרועזער סאָוויעטישער אויפלאַגע פון קאָמוניזם. זיי, די וואָרט־טרעגער פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער קונסט און יידישער וויסנשאַפט זענען אומגעבראַכט געוואָרן פון דעם סטאַליניסטישן מולך, צוזאַמען מיט דעם יידישן וואָרט אין ראַטן־פאַרבאַנד, און דער פּראָצעס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אומברענגען די יידישע שרייבער — דעם 12טן אויגוסט 1952.

★

צוזאַמען מיט מאַקס עריקן און משה קולבאַקן (ביידע יידישע לערער — ביידע געפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד פון ווילנע) איז דערמאָרדעט געוואָרן דער טרוים פון אַ גלויביקן דור — אַ דור וואָס האָט אין דער רעוואָלוציע געזען די אויסלייזונג פאַר דער מענטשהייט.

אין די ווייטערדיקע נומערן רעכענען זיך די רעדאַק־טאָרן אָפּ מיט דער יידישער רעליגיע — וועלכע האָט געשאַפן דעם וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיזם, דעם באָלשע־וויזם, קאָמוניזם און סאָציאַליזם; די הויפּט־אויפגאַבע פון דער יידישער רעליגיע שרייבן זיי, איז צו דעמאָראַליזירן און צעשטערן דאָס קריסטנטום. צו דעם צוועק האָבן זיי געשאַפן די מאַסאָנען, וועלכע ווערן אָנגעפירט דורך אַ סנהדרין, אָדער ווי מען רופט זיי היינט — יידישער וועלט־קאָנגרעס.

לויט די ארויסגעבער פון דעם שמוציקן העץ־בלעטל, איז דאָס יידן־פּראָבלעם אין פּוילן נאָך נישט געלייזט גע־וואָרן. די דריי מיליאָן פּוילישע יידן פאַרשניטענע דורכן נאַציזם און זייערע מיטהעלפער, דאַרפן — ווי זיי שרייבן — ווי אַמשנעלסטן געלייזט ווערן. דעם קאַמף קעגן יידן און מאַסאָנען דאַרף זיין אַ קאָמפּראָמיסלאָזער. דאָס דאָ־זיקע שמוץ־בלעטל באַווייזט זיך סיסטעמאַטיש, אין פאַר־שידענע שטעט פון פּוילן.

און מערקווירדיק—דאָס פּוילישע בלעטל „די זעלבסט־פאַרטיידיקונג פון פּוילן״ האָט גאָר נאָענטע אידעישע פריינד אין סאָוויעט־רוסלאַנד — אַ געוויסער יעווסעיעוו, וועלכער האָט לעצטנס אָנגעשריבן אַ בראָשור: „ציוניזם אַ רינגעלע אין דער קייט פון אימפּעריאַליזם״ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין מאָסקווע ווי אַן אויסגאַבע פון „סאַמיזדאַט״ אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן. ס׳איז גאָרנישט אויס־געשלאָסן, אַז דיביידע אויסגאַבעס: די פּוילישע און די סאָוויעטישע ווערן פינאַנסירט דורך די זעלבע קוואַלן.

די אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע ווערט נישט בלויז גע־פירט אין געדרוקטן וואָרט.

אין דער שטאָטישער קונסט־גאַלעריע פון מינסק, איז אויסגעשטעלט געוואָרן אַ בילד פון אַ געוויסן סאַוויצקי — ווו אַ ייד מיט אַ מגן דוד־שטערן און אַן עס.עס.־מאַן לאַכן אָפּ פון די בערג טויטע, סאָוויעטישע בירגער, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין אַ דייטשן פאַרניכטונגס־לאַגער. ביי היינט־צו־טאָג ווערט געפירט אין פּוילן אַן אַקציע צו באַזייטיקן די יידישע בית־עלמינס. אין פיל אָרטשאַפטן זענען די בית־עלמינס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרקן. אין ראַדאָם איז דער אַלטער בית־עולם געוואָרן פולשטענדיק פאַרניכטעט, און אויף זיין אָרט איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אַ ריזיקע פאַבריק.

ווי מיר זעען ווערט דער קאַמף דערווייל נישט גע־פירט קעגן די לעבעדיקע יידן. דאַקעגן ווערט געפירט אַ קאַמף קעגן די טויטע יידן, וועלכע האָבן געגעבן אַ גרויסן צושטייער צו דער פּוילישער גייסטיקער און מאַ־טעריעלער קולטור.

• די נייסטע יידישע ביכער,
ציישונגען פון דער גאַנצער וועלט
— ווער אַ לייענער פון דער
„קדימה״־ביבליאָטעק.

י. אָרבאַך

# מיין לערער – מאַקס עריק

**(40 יאָר נאָך זיין טויט — אַ דערמאָנונג)**

צווישן די 28 יידישע שרייבער און קינסטלער, וועלכע האָבן באַרייכערט דאָס אימפּולסיוו יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן אין זאַגלעמביע — איז געווען מיין לערער זלמן מערקין.

דער נאָמען פון דעם יידישן אָפיציר פון דער פּוילי־שער אַרמיי — זלמן מערקין, וועלכער האָט אין יאָר 1920 (אין דער צייט פון דער פּויליש־סאָוויעטישער מלחמה)



**מאַקס עריק**

געפּאַטשט אַ העכערן פּוילישן אָפיציר אין סאָסנאָוועץ פאַר איזדיעקעווען זיך איבער אַן עלטערן ייד מיט אַ לאַנגער באָרד — איז געווען ווייניק באַקאַנט אין זאַגלעמביע און אומגעגנט.

דאַקעגן איז דער נאָמען „מאַקס עריק״ דער ליטעראַ־רישער פּסעוודאָנים פון זלמן מערקין, אין שפּעטערדיקע יאָרן געווען זייער פּאָפּולער אין דער יידישער שרייבע־רישער און קינסטלערישער געזעלשאַפט אין פּוילן צוליב זיינע באַלערנדיקע אַרטיקלען און עסייען אויפן געביט פון דער יידישער שפּראַך און יידישער ליטעראַטור.

זלמן מערקין — מאַקס עריק איז געבוירן געוואָרן אין סאָסנאָוועץ ביי זייער אַ פאַרמעגלעכער און יחוסדיקער משפּחה — די מערקינס — וועלכע האָבן געשפּילט אַן אָנ־געזעענע ראָלע אין אַלגעמיינעם ייד. לעבן פון זאַגלעמביע. זיין פאָטער, דער משכיל, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ באַוווסטזיניקער ייד מיט וועלטלעכער אייראָפּעאישער בילדונג, האָט געגעבן זיינע קינדער אַ נאַציאָנאַלע און אַלגעמיינע דערציאונג. ווען קיין סאָסנאָוועץ איז געקומען אַלס יידישער לערער דער גרויסער יידישער פּאָעט חיים נחמן ביאַליק, האָט ער געגעבן לעקציעס פון העברעיש אין

וו. יאַבלאָנסקי

# „סאַמאיזדאַט" אין קאָמוניסטישן פּוילן

שטרייקן אין קאָמוניסטישן פּוילן, זענען נישט קיין זעלטנהייט: דער שטרייק אין פּוילן און די צווײ־וואָכיקע בלוטיקע שלאַכטן צווישן אַרבעטער און סאָוויעטישע אײנהייטן אין 1956 האָבן דערפירט צו אַ צייטווייליקער ליבעראַליזאַציע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער גענעראַל־שטרייק אין גדיניע, גדאַנסק, שטשעטשין אין 1970 מיט צענדליקער קרבנות פון בײדע זײטן, איז געווען דאָס לעצטע בלוטיקע שטיקל אַרבעט פון גאָמולקען. אין די גרויסע שטרייקן אין ראַדאָם, אורסוס, לאָדזש אין 1976־77 האָבן אָנטײלגענומען צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. די שטרייקן זענען דערשטיקט געוואָרן דורך גערעקס געהיים פּאָליציי און סאָוויעטישע אײנהייטן איבערגעטאָן אין פּוילישע מונדירן. הונדערטער אַרבעטער זענען געוואָרן אַרעסטירט, געפּייניקט און שפּעטער פאַרמשפּט אויף לאַנגע יאָרן תּפיסה.

די געשעענישן האָבן אויפגעטרייסלט די ליבעראַלע קרייזן אין פּוילן. אין פיל שטעט אין פּוילן זענען אַנטשטאַנען קאָמיטעטן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרטיידיקן די רעכטן פון די פאַרפאָלגטע אַרבעטער.

דער „קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן די אַרבעטער" אָדער ווי זיי רופן זיך אָן אין פּויליש — ק.אָ.ר. האָבן אַרויסגעגעבן אַן אומלעגאַל בלעטל וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין די צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן צווישן אַרבעטער און אינטעליגענץ. גלײכצײטיק זענען געזאַמלט געוואָרן גרויסע סומעס געלט אין לאַנד ווי אין אויסלאַנד, צו העלפן די פאַמיליעס פון די פאַראורטיילטע אַרבעטער.

די ערשטע אומלעגאַלע אויסגאַבע פון ק.אָ.ר. איז פאַקטיש געווען דער אָנהויב פון פּוילישן „סאַמאיזדאַט". די פּוילישע דיסידענטן צו וועלכע עס האָבן געהערט אַ קלײנע גרופּע יונגע ייִדן מיט מיכניקן, וועלכער האָט צוזאַמען מיטן פּראָפעסאָר ליפּינסקי (געוועזענער טוער פון פּ.פּ.ס) אָנגעקניפּט פרײנדלעכע באַציאונגען מיט דיסידענטן פון טשעכאָסלאָוואַקיע און סאָוויעט־רוסלאַנד. מיט איין מאָל איז פּוילן געוואָרן פאַרפלייצט מיט אַ גאַנצער ריי אומלעגאַלע אויסגאַבן פון פאַרשידענע ריכטונגען און גרופּן.

די גרופּן האָבן געהאַט איין ציל: צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אונטערדריקטן און אויסגענוצטן אַרבעטער־קלאַס.

מיט דער שווערער לאַגע פון פּוילישע אַרבעטער האָבן די דיסידענטן באַקאַנט געמאַכט די עפנטלעכקייט אין לאַנד ווי אויך אין אויסלאַנד. אין דער ערשטער ריי — האָבן זיי זיך געוואָנדן צו די קאָמוניסטישע פאַרטייען פון פראַנקרייך און איטאַליע, אינפאָרמירנדיק זיי וועגן יעדן אַרעסט און שיקאַנעס; פאַרפאָלגונגען פון בירגער; סטודענטן און אַרבעטער. שפּעטער האָבן זיך באַוויזן אויסגאַבן מיט פּאָליטישע פּראָגראַמען, וועלכע האָבן געפאָדערט, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד זאָל אַרויסציען אירע דיוויזיעס פון פּוילן, און עס זאָלן אַנולירט ווערן די האַנדלס־אָפּמאַכן מיט די סאָוויעטן, וועלכע זענען פאַקטיש דיקטאַטן. ס'איז אויך אַרויסגערוקט געוואָרן די פאָדערונג, אַז די סאָוויעטן זאָלן באַפרייען די אַנדערהאַלבן מיליאָן פּאָלאַקן, וועלכע געפינען זיך ביי היינט־צו־טאָג אין פאַרשידענע געגנטן פון רוסלאַנד, אַזעלכע, וועלכע זענען אין די יאָרן 1939־45 אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין די פּאָשיאַלקעס, טורמעס און לאַגערן.

טשעקאַווע איז, אַז אין דער פאַרפלייצונג פון די פאַרשידענע אויסגאַבן, זענען אויך געווען פּאַמפלעטן — אַרויסגעגעבן פון דער או.בע. (פּוילישע געהיים פּאָליציי); זיי האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו דעזאָריענטירן און אויך צו פּראָוואָצירן אַרויסטרעטונגען פון סטודענטן און אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט אַרעסטן און פּייניקונגען.

אינטערעסאַנט: אין די אַלע אומלעגאַלע אויסגאַבן איז דער פּראָבלעם ייִדן געוואָרן אויסגעמיטן, ווייל נאָכן גרויסן גירוש פון 1967־68 איז אין פּוילן מער נישט געבליבן קיין פּראָדוקטיוו פּעאיקע ייִדן.

פון די 6000 ייִדן וועלכע געפינען זיך היינט־צו־טאָג אין פּוילן באַקומט דער גרעסטער טייל רענטעס, און אַ קלײנע צאָל איז באַשעפטיקט אין די ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון. אויסער דעם קאָן מען אָנטרעפן ייִדן אין די אַלגעמיינע אַלטע־היימען, ווו די באַדינגונגען זענען ספּעציעל שרעקלעכע פאַר ייִדישע מענטשן.

אין אָנהויב 1979 האָט זיך באַוויזן אַן אומלעגאַל בלעטל, צו ערשט אין וואַרשע און שפּעטער אין אַנדערע שטעט פון פּוילן „די זעלבסטפאַרטיידיקונג פון פּוילן".. די אומלעגאַלע אויסגאַבע באַווייזט זיך סיסטעמאַטיש יעדן חודש, און ביז היינט זענען שוין דערשינען נומערן אויף לייטיש פּאַפּיר און געדרוקט אויף „אָפסעט".

די אַרטיקלען פון דעם בלעטל זענען געווידמעט הויפּטזעכלעך ייִדן און מאַסאָנען. פון צייט צו צייט טרעטן זיי אויך אַרויס קעגן די ליבעראַלן, וועלכע פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון פּוילישן ארבעטער. אין ערשטן נומער פון דער דערמאָנטער אויסגאַבע איז געדרוקט אַן אַרטיקל, אַז ייִדן—מאַסאָנען האָבן דערמאָרדעט דעם עסטרייכישן קרוינפּרינץ פערדינאַנד, און צוליב דעם איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. אויך קערענסקי האָט אויסגעפירט די באַפעלן פון ייִדן און מאַסאָנען, אַדאַנק דעם ייִדישן אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל (די בענק פון וואַרבורג און שיף) איז טראָצקי געוואָרן דער פירער פון דער רויטער אַרמיי. אויך ייִדן זענען געווען קעגנער פון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן. ייִדן זענען געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון 60 פאַרטייען אין צווישן מלחמהדיקן פּוילן. דער ציל איז געווען אויפצורייסן און צעברעכן פּוילן, וועלכע האָט עקזיסטירט פון 1918—1939.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די זעלבע ייִדן און מאַסאָנען געשאַפן אין נייעם פּוילן איין פאַרטיי: די פּ.ז.פּ.ר.

צו זיינע קינדער האָט בערטראַנד ראַסעל נישט געהאַט קיין „מזל", ווי עס איז דער כלל פאַר אַזעלכע טאַטעס. דערפאַר איז נישט געווען דער חשק צו לייענען דאָס זכרונות־בוך פון דער טאָכטער. אָבער דער יצר טוב איז פאָרט געווען שטאַרקער.

בערטראַנד ראַסעל איז געווען אַ ליבהאַרציקער און גינציקער טאַטע. אַזוי דערציילט די טאָכטער. ער האָט געשאַפן, ווי באַקאַנט, זיין אייגענע לערן־שול, „ביקען היל", צו דערציען קינדער לויט זיינע אייגענע מעטאָדן און זיי מחנך זיין לויט זיינע אידייאישע איבערצייגונגען. אָבער בעיקר האָט ער געשאַפן די שול — לויט ווי קעטרין דערציילט — כדי געבן זיינע אייגענע קינדער, זון און טאָכטער, אָט די דערציאונג, אין דער סביבה פון אַנדערע קינדער.

די שול איז געווען אַ דורכפאַל. ראַסעל האָט עס שפּעטער צוגעגעבן. ער איז נישט געווען קיין פּעדאַגאָג פאַר יונגע קינדער, און געוויס איז עס נישט געווען זיין פּרוי, דאָראַ, וואָס צוזאַמען האָבן זיי געפירט די שול. דעם טאַטנס (און מאַמעס) גוטער ווילן, זיין גלויבן, אַז מען קען דערציען יונגע קינדער אָן אויטאָראַטיווער דיסציפּלין, נאָר דורך אַפּעלירן צו זייער נאַטירלעכער אינטעליגענץ, דורך מאַכן די לערן־פּראָגראַמען אינטערעסאַנט, און דורך פריייע, לאָגישע דיסקוסיעס מיט די שילער, איז געווען טרוימערישע נאַיוויטעט פון אַ פילאָזאָף. אָבער פאַר דער טאָכטער איז עס געבליבן אַ בכיה לדור, אַ געקלאָג וואָס פאַרגיסט מיט טרערן אַ סך בלעטער פון איר בוך. ווייל די דערציאונג, אין שול, און היים, האָבן איר, און דעם ברודער, דזשאָן, אַריינגעטריבן אין פּאַביעס און צעטומלעניש. פון איר סאַמע יונגשאַפט האָט דער מוח אירער געדאַרפט שטענדיק זיין אָנגעצויגן און אָנגעשטימט ווי די סטרונעס אויף אַ סטראַדאָוואַריוס, פאַר די געניאַלע פינגער פון טאַטן, וועלכער האָט כסדר געוואָלט אַרויסבאַקומען די שענסטע טענער. ווייל „פאַר אים זענען די וויכטיקסטע זאַכן אין לעבן געווען אויסבעסערן די מערכה פון מענטשן, אָדער צוטראָגן גייסטיקן וויסן, פילאָזאָפישע פאַרשטענדעניש. „פּערזענלעכער מאַטעריעלער גליק האָט באַדייט פאַר אים זייער ווייניק" (זייט 121). און אין דעם זעלבן וועג האָט ער געוואָלט דערציען זיינע אייגענע קינדער און די תלמידים אין זיין שול.

בערטראַנד ראַסעל האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט די קינדער זיינע און פון זיין שול, זיך געשפּילט מיט זיי, געשווומען, שפּאַצירט אין וואַלד, זיך אַראָפּגעלאָזן צו זיי. אָבער די קינדער האָבן פאָרט געפילט דאָס אַלץ ווי אַן אָנשטעל; אַז אין דער אמתן נידערן אַראָפּ זיינע רייד צו זיי ווי פון אַ הויכן באַרג, וואָס איז פאַרהויבן אין די וואָלקנס. אויף יעדע פראַגע פון די קינדער איז געקומען אַן ענטפער על פּי לאָגיק. דערציילט איצט די טאָכטער, אין איר גרויען עלטער, אַז די לאָגיק האָט איר טרייסטלאָז פאַרפאָלגט. זי האָט געוואָלט — גלויבן, וואָס זאָל געבן אַ זיכערן אָנהאַלט. איז דער סוף געווען, אַז די טאָכטער פון דעם געניאַלן לייקענער, וועלכער האָט זיך באַרימט מיט דעם „פאַר וואָס איך בין נישט קיין קריסט" 2) איז אַוועק צו פרומער קריסטלעכקייט. אמת, זי זאָגט אַז אויך דער טאַטע האָט א גאַנץ לעבן געזוכט גאָט (זייט 184). אָבער ער האָט זיך באַמיט עס צו געפינען מיט ראַציאָנאַליזם, על פּי לאָגיק, פאַרשטיין די געטלעכקייט. זי האָט געדאַרפט געפילפולע גלויבהאַפטיקייט. שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ גייסטלעכן און ביידע זענען געפאָרן קיין אַפריקע, ווי מיסיאָנערן, צו פאַרשפּרייטן אמונה (נאָך מער פּאַראַדאָקסאַל, וואָס ווייזט אָבער אויך ראַסעלס טיפן ליבעראַליזם און זיין ליבשאַפט צו די קינדער: ער האָט עטלעכע יאָר געצאָלט פאַרן אײדעמס לערנען אין טעאָלאָגישן סעמינאַר).

אין שויס פון רעליגיע האָט קעטרין געפונען אַן אָנהאַלט, אַ טרייסט, אָבער פאָרט נישט קיין פולע באַרואיקונג, און אויך נישט קיין משפּחה־גליק. און דאָס אַלץ דערפאַר, לויט איר, ווייל עס איז געווען שווער צו לעבן אין שאָטן פון טאַטן — אַפילו אין פיזישער ווייטקייט. אַזוי ביז צום לעצטן בלעטל פון איר בוך — אָבער נישט דאָס לעצטע. ערשט ווען דער טאַטע שטאַרבט, אין עלטער פון איבער נײַנציק יאָר, ברעכט זי אויס אין אַ ספּאַזמאַטישן געוויין, וואָס באַפרייט איר פון דער סיזאָפרעניע. ערשט איצט, ווען זי האָט „אויפגעגעסן" דעם פאָטער, ווי פרויד וואָלט געוויס געזאָגט, קומט די דערלייכטערונג, און ערשט איצט קען זי אים זען אין זיין פולער מענטשלעכער גרויסקייט, און זי טוט אַזוי, אין דעם לעצטן בלעטל פון בוך. זי שרייבט:

איך האָב געוואָלט דערציילן דער וועלט וואָס פאַראַ גרויסער פאָטער ער איז געווען, ווי קלוג, מיט הומאָר און מיט גוטסקייט, נישט אַלע מאָל אַ קאַלטער, ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָף. אָבער ער האָט ליב געהאַט דעם אמת, וואָלט איך אים נישט אָנגעטאָן קיין כבוד דורך זאָגן ליגן. דערפאַר האָב איך אויך געמוזט דערציילן, דאָס אין בוך, אַלץ וואָס איז (אין מיינע אויגן) געווען נישט אַזוי גוט, מיט אַנטוישונג און שווערקייטן. און נאָר איצט קען איך זאָגן: ער איז געווען דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער מענטש וואָס איך האָב ווען באַגעגנט, דער איינציקער מענטש וועמען איך האָב פאַרערט מיט ליבשאַפט, דער גרעסטער מענטש וואָס איך האָב געקענט. עס איז געווען מיין גליק אים צו קענען. איך דאַנק גאָט וואָס ער איז געווען מיין פאָטער.

פאַר זיגמונד פרויד וואָלט אָט דאָס בוך געוויס געדינט ווי נאָך אַן אייזערנער באַווייז וועגן דער ריכטיקייט פון זיין „עדיפּוס קאָמפּלעקס" טעאָריע, אַז דאָס איז די טראַגיק וואָס באַגלייט און פאַרפאָלגט קינדער פון גרויסע עלטערן.

---

1) Katharine Tait: My Father Bertrand Russell.

2) Bertrand Russell: Why I am not a Christian.

לוי שאַליט (צוגעשיקט פון מחבר)

# זייערע קינדער

גרויסע מענטשן האָבן קליינע נחת פון זייערע קינדער. דאָס איז דער כלל, הגם עס זענען, נאַטירלעך פאַראַן, אויסנאַמען. דאָס לאָזט זיך דערקלערן ביאָלאָגיש און פסיכאָלאָגיש. דער זשעני איז אַזוי ווי אַ דערהויבענער באַרג, וואָס האָט דערגרייכט צום זעניט, וווּ די אַטמאָספערע איז דין, וויניק זויער־שטאָף און עס איז נישט מעגלעך, נאָרמאַל, צו קלעטערן העכער. אַזוי איז עס געוויס אויך ביאָלאָגיש. די גענעץ, כראָמאָזאָמען און האָרמאָנען, וועלכע באַשטימען די גייסטיקע קוואַליטעט, האָבן אויך אַ באַרג־שפּיץ; זיי קענען, אין אַלע זייערע אומצאָליקע קאָמבינירונגען, דערגרייכן אַ געוויסע „פּערפעקציע", אָבער נישט מער. דער גליקלעכער צוזאַמענשפּיל פון אַ גאַנצע ריי צופאַלן פון די גענעץ קענען באַשאַפן אַן איינשטיין — אויב מיר זאָלן אָננעמען, בדרך משל, אַז דאָס איז דער פּערפעקט־שכלדיקער מענטש. אָבער זיי קענען נישט פאַרמירן עפּעס מער. והראיה: זיי האָבן עס נישט באַשאַפן ביז איצט, דורך אַלע מיליאָנען יאָרן אין דער אַנטוויקלונג פון „האָמא סאַפּיענס", דעם מענטש. דאָס באַדייט, אַז פון אויסנאַמלעכע גאונים, וועלכע זענען דערגאַנגען צום העכסטן שכלדיקן שטאַפּל, קענען נישט אַרויסקומען קינדער וואָס זאָלן גרייכן גענעטיש מער, העכער. אַזעלכע קינדער קענען נאָך זיין אויף דעם זעלבן אָדער ענלעכן שטאַפּל פון גרויסקייט ווי זייערע עלטערן. אָבער אויך דאָס איז זייער זעלטן. ווייל די גענעץ און כראָמאָזאָמען „אַרבעטן" נישט אַזוי; נאָר אין זייער אויסנאַמלעכע פאַלן גייען זיי איבער, דירעקט, פון עלטערן צו קינדער. דער נאָרמאַלער וועג פאַר אַזעלכע קינדער איז אַראָפּ פון דער גייסטיקער הויך וווּ עס געפינען זיך די עלטערן זייערע, איינער אָדער גאָר ביידע. און דאָס שאַפט — מוז שאַפן — נאַטירלעכע פסיכאָלאָגישע שוועריקייטן.

איך ביישפּיל, פון אַ סך, איז די טיפע טראַגיק, וואָס איז באַפאַלן די קינדער פון טעאָדאָר הערצל, דעם וויזיאָנער פון יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. די דריי קינדער זיינע, פּאָלינאַ, האַנס און טרודל, האָבן געלעבט אין אַן עמאָציאָנעל־עקסצענטרישן נערוואָז.

פאַראַן אַ מיינונג, וואָס קען זיין גענוג באַזירט, אַז זייער פסיכישער אומבאַלאַנס איז געווען ירושהדיק פון דער מוטער, יוליאַ. זי האָט געליטן פון היסטעריע, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אויך אין אַ צאָל פון הערצלס דערציילונגען, הגם פאַרשטעלט. אָבער ד"ר יעקב וינשל (ווינשאַל) וויל גראָד באַווייזן פאַרקערט, אַז די „שולד" איז געווען דווקא הערצלס. און ד"ר וינשל איז אַ הערצליאַנישער ציוניסט, מיט אייגענעם און פּאָטערדיקן יחוס פון נאַציאָנאַלן אַקטיוויזם. וואָלט מען פון אים געקענט דערוואַרטן, אַז ער זאָל צושרייבן די טראַגעדיע פון הערצלס קינדער צו זייער מוטער, וועלכע האָט פיינט געהאַט דעם ציוניזם און די ציוניסטן, און דערפאַר האָבן ציוניסטן איר נישט צוגעטיילט קיין כבוד. נאָר גראָד וינשל, ווי געזאָגט, באַמיט זיך צו לערנען, אַז די טראַגעדיע פון די קינדער איז נישט געווען קיין ירושהדיקע, פון דער מוטער, נאָר גראָד צוליבן פאָטער — אַ פסיכאָלאָגישע.

די דערציילונג פון יעקב וינשל הייסט האַנס הערצל (הוצאת „חזון", ת"א, 1945). דער שרייבער פאַרטרעטירט טעאָדאָר הערצלס איינציקן זון ווי אַ פאַרוואָגלטן פּרינץ, וועלכער קעמפט פאַר זיין לעגיטימען „טראָן", וואָס איז ביי אים צוגענומען געוואָרן, אַזוי ווי ביי קארא גיורגעוויץ, דעם סערבישן פּרינץ. אָט די האַלוצינאַציעס (וועלכע דער שרייבער טוט אַזוי ווי פאַרענטפערן) ברענגען האַנס'ן, אין דער דערציילונג, אַלס פּאַציענט צו פרויד און יונג, ביי וועמען עס לאָזט זיך אַנאַליזירן אויך דער סערבישער טראָנפאָלגער. ביידע דאָקטוירים געפינען ביים פּאַציענט האַנס — לויט זייערע באַזונדערע אַנאַליטישע צוגאַנגען און טעראַפּיע־מעטאָדן — די זעלבע סימפּטאָמען פאַר זיין מעלאַנכאָליע: „אַן ערלייזער קאָמפּלעקס". דער שרייבער טייטשט עס אויס ווי אַ שאַרפן ווילן זיך צו פאַרגלייכן מיטן טאַטן, צו זיין דער נאָכפאָלגער און לעגיטימער יורש פון טאַטנס גייסטיקע פעאיקייטן און פּאָליטישער אַרבעט, אַזוי ווי ער איז זיין פיזישער יורש. (וואָס דער טאַטע האָט, אגב, זייער געוואָלט און געהאָפט אַז דאָס זאָל געשען, ווי דאָס קומט אָפן צום אויסדרוק אין הערצלס טאָגביכער). און וויבאַלד האַנס האָט עס נישט געקענט גרייכן — ווייל די געשטאַלט הערצל איז אַן איינמאָליקע — איז געקומען דער שאָס אין באָרדאָ, אַ פּראָדוקט פון רעוואָלט, פון אַ באַליידיקטן און פאַרלאָזענעם פּרינץ.

עס מאַכט נישט אויס וואָס די דערציילונג איז אַ פאַנטאַזיע, אויפגעבויט נאָוועליסטיש, און וואָס נאָר טיילווייז זענען אַריינגעהאָפטן אין איר פאַקטישע געשעענישן. ווייל אַזוי אַרום ברענגט עס אַרויס, פסיכאָאַנאַליטיש, דאָס וואָס עס קען זיין פאַרקאָנספּירירט אין די געהירן פון אַזעלכע קינדער: וויבאַלד זיי קענען נישט נאָכהאַלטן אין די גייסטיקע פוסטריט פון זייערע עלטערן — און דאָס איז, ווי געזאָגט, נישט מעגלעך, בדרך כלל — גיט עס זיי אַ קאָמפּלעקס פון מינדערווערטיקייט, וואָס קען פירן, ווי אין דעם געשילדערטן פאַל, צום לעצטן טאַט פון פאַרצווייפלונג.

אָט די מחשבות זענען אַרויסגערופן געוואָרן ביים לייענען דאָס בוך פון קעטרין טייט 1) טאָכטער פון פילאָזאָף לאָרד בערטראַנד ראַסעל.

איך האָב אָנגעהויבן לייענען דאָס בוך אָן חשק, אַפילו מיט אַנטיפּאַטיע, און דערפאַר עס אַ לאַנגע צייט אָפּגעלייגט.

אויב איך וואָלט געדאַרפט אָנרופן פינף מענטשן, צו וועלכע איך פיל דעם טיפסטן דרך ארץ, גייסטיקע פאַרערונג, אינטעלעקטועלע ליבשאַפט, וואָלט בערטראַנד ראַסעל געהערט צווישן זיי. ראַסעלס שריפטן זענען פאַר מיר טיפע קוואַלן פון חכמה. זיינע אידייען — עטיש דערהויבן. זיין לעבן — קווינטעסענץ פון הומאַניזם. טעותים? געוויס. „אין צדיק בארץ". אָבער אויך זיי ווערן צעשמאָלצן אין דער ליכטיקער וואַרעמקייט פון זיינע אידייען.

אויפגעכאַפּט דעם דיאַלאָג מיט זיך אַליין, דעם חשבון־הנפש, פון חיים לעדערער — פון אָט־דעם דערוואַקסענעם יאָסעלע וואָס איז גרייט געווען צו פאַרגעסן זיין אייגענעם קוואַל און צו טרינקען פון אַלערליי אַנדערע קוואַלן, און האָט צום סוף דאָך ווי־עס־איז געזוכט אַ וועג צוריק צו זיך, צו זיין נשמה, צו טויזנט־יעריקע וואָרצלען.

דער דריטער קאַפּיטל אַש׳ס, דער קאַפּיטל וואָס שילדערט אַמעריקע, איז נישט גאָר געלונגען. און די שולד, אַלנפאַלס די פולע שולד, איז נישט דעם מחברס אַליין. דער ישוב אין אַמעריקע איז געווען יונג און האָט נאָך נישט פאַרמאָגט קיין בולטן פּרצוף־פּנים, קיין שבת און יום־טוב וואָס זאָל באַשטראַלן זיין וואָך. ס׳איז נאָך ביי אים נישט געווען קיין סכום ווערטן און טראַדיציעס וואָס זאָלן אים דינען ווי אַן עמוד האש אין דער נייער מדינה. ס׳איז געווען אַ דור אין איבערגאַנג און ס׳איז געווען אַ גוואַלד־ריס אין דער ירושה וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך ווי צדה לדרך. און אַש איז קיינמאָל נישט געווען דער גרעסטער קינסטלער פון איבערגאַנג און געראַנגל.

דער עפּאָס, די „מעשה״ פון אונדזער פאָלק ווי אַ וועלט־פאָלק איז נישט קיין ענין בלויז פון שטח. ס׳איז נייטיק דערביי די „פערטע דימענסיע״ — צייט. אונדזער היינט איז אַ סוד, איז אומפאַרשטענדלעך, אָן אונדזער נעכטן. ס׳איז נישט צו באַגרייפן אונדזער נצח אָן דעם קידוש־השם פון אונדזערע זיידעס. מיטן כוח פון דעם קידוש־השם האָט אונדזער פאָלק אַריבערגעשפּאַנט די אייזערנע בריק פון דער געשיכטע אַנטקעגן אַלע אירע „גזזעצן״. ס׳איז דעריבער נישט געווען קיין חידוש ווען אין די פינצטערע טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע און אין די שכנהדיקע מקומות האָט אַש זיך פאַרטראַכט וועגן אונדזער היסטאָרישן עצם און גורל, וועגן דעם עבר אונדזערן ווי אַ ליכט וואָס באַהעלט אונדזער הוה. ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן „די כישוף־מאַכערין פון קאַסטיליען״ (נישט קיין שלימותדיק ווערק מחמת דער עלעמענט פון מעלאָדראַמע און ספּעקטאַקל איז דאָמינירנדיק), „קידוש־השם״ (וואָס איז אַ הייליק בוך, אַ ספר), „דער תהילים־ייד״ (פון זיינע פּרעכטיקסטע ביכער — ביזן לעצטן טייל, וווּ ס׳איז דאָ ווידער מעלאָדראַמע און וווּ עס מערקן זיך שוין זיינע שפּעטערדיקע „קריסטלעכע״ איינפלוסן).

אין „קידוש־השם״ האָט אַש דערבליקט ווי אין חזיון דעם אינעווייניקסטן זין און תוך פון אונדזער וווּנדער־געשיכטע. עס ציטערט דאָרטן אויף דער גרונט־מאָטיוו פון אונדזער קיום און פון אונדזער שליחות. אין „קידוש־השם״ זענען דאָ מדרגות פון קידוש־השם: די ערשטע — ווען מענדל און זיין זון שלמהלע טאַנצן דעם בערן־טאַנץ פאַר די שיכורע פּריצים צוליב אַ שטיקל ערד אויף צו בויען א שול און אויף אַ בית־עולם. די צווייטע — ווען דבורהלע רעדט אין דעם פּויער יעפּים, וואָס האָט זי ליב און וויל מיט איר חתונה האָבן, אַז ער זאָל אין איר שיסן ווייל ס׳וועט איר גאָרנישט זיין. דער ערשטער קידוש־השם איז פאַר כנסת־ישראל, פאַר אַן עדה יידן, וואָס דאַרף אַ שול און אַ בית־עולם. דער צווייטער קידוש־השם איז פאַרן אחד, פאַרן בורא־עולם, פאַרן גאָט פון ישראל. און די צוויי איז נישט פאַנאַנדערצוטיילן— כנסת־ישראל און דער בורא־עולם וואָס איז אחד — אין דער קידוש־השם געשיכטע פון אונדזער אומה ביז איצט.

אָט די קורצע רשימה שעפּט נישט אויס אַלע אַש׳ס ביכער. די כוונה איז דאָ געווען בלויז אָנצוווייזן אויף דער שנור, וואָס פאַרבינדט זיי אין דעם דיאַספּאָרע־עפּאָס. אַש׳ס קאַנווע איז געווען אַ ברייטע און זיין פאַרמעסט אַ געוואַגטער. זיין דיאַספּאָרע־עפּאָס איז א ווערק וואָס איז פאַראַנקערט אין אונדזער ליטעראַטור. אויב זיין דיאַספּאָרע־עפּאָס איז נישט דאָס מייסטער־ווערק וואָס דאַרף באַשיינען אונדזער ליטעראַטור אויף תמיד מיט אַ באַזונדער און אייגנאַרטיק ליכט, איז עס מחמת דעם, וואָס אַשן האָט געפעלט — צווישן זיינע געבענטשטע מעלות — די מתנה פון טיפקייט. רחבות — דאָ יע; ווייט־ווייטע לאַנדשאַפטן און אָן־סופיקע האָריזאָנטן — ווידעראַמאָל יע; טיפקייט, די קדושה פון קדושה, די שטים ממעמקים — אָט אָ די ברכה איז אַשן נישט באַשערט געווען.

וועגן אַש׳ס „קריסטלעכע״ ביכער איז נישט מעגלעך בחיפזונדיק זיך דורכצושמועסן — סיידן „אַ פּריאָרי״ פאַרמשפטן זיי. אפשר ליגט דער הויפּט־חיסרון טאַקע אין דעם, וואָס אַשן האָט געפעלט טיפקייט. און אָן טיפקייט, אָן אַ „מעטאַפיזישער״ דערקענטעניש קאָן אַ יידישער מענטש זיך נישט עסקן מיט אַזעלכע טעמעס. ביי זיך אין דער היים, צווישן זיינע שוועסטער און ברידער, איז אַש׳ס מעכטיקער טאַלאַנט געווען גענוג. ער האָט נישט אומבאַדינגט געמוזט זיך באַוואָרענען מיט אַ גרויסער און קלאָרער אידייע כדי ער זאָל נישט בלאָנדזשען. אין דער סביבה גופא, אין דעם שבת און יום־טוב, אין דעם קאָלעקטיוון צער און קידוש־השם, אין די אויסגעטאָקטע געשטאַלטן, וואָס זייער שיינקייט איז געווען די שיינקייט פון דורות — אין דעם איז געווען „אימאַנענט״ די גרויסע און לויטערע אידייע, דער שיר־השירים פון פאָלק, וואָס האָט געפלאַטערט פון סאַמע האַרץ פון דער וועלט. מחוץ דער אייגענער סביבה — דער היסטאָרישער דער גייסטיקער, דער שטייגערישער — האָט ער דאָך געמוזט בלאָנדזשען. ער האָט נישט מיטגענומען מיט זיך אַ לאָמטערנע אין דער האַנט, נאָר אַ פּוסטע פאָרמולע אין מוח — כלומרשט אויף צו דערנעענטערן צוויי אמונות, אין דער אמתן אויף צו רימען און עקזאַלטירן די גרינדער און באַגרינדער פון דעם קריסטנטום (אָפּטמאָל לגנאי יידנטום). אָן אַ „מעטאַפיזישער״ דערקענטעניש, אָן אַ „רעגולירנדיקער״ אידייע, אָן דער דימענסיע פון טיפקייט איז דאָס נישט מעגלעך געווען. און אַש איז נכשל געוואָרן — פילאָזאָפיש, קינסטלעריש.

וואָסערע צוואַנציק פון זיינע זיבן־און־זיבעציק יאָר האָט אַש געשאָנקען „זיי״. במשך די פאָר צענדליק יאָר האָט ער געצונדן פייערן נישט אויף אונדזער מזבח. לאָמיר געדענקען זיינע פינף־און־דרייסיק מזל־ברכהדיקע, שפּעדיקע יאָרן ביי אונדז. לאָמיר אים געדענקען ווי דעם דיכטער פון שטעטל און ווי איינעם וואָס האָט געהאָלפן פאַראייביקן אונדזער קידוש־השם.

ד״ר עזריאל נאַקס (צוגעשיקט פון מחבר)

# שלום אַש

שלום אַש׳ס ווערק — אַחוץ די לעצטע — שטעלן מיט זיך פאָר, אין זייער גאַנצקייט, אין סך־הכל, אַ בילד פון אונדזער יידיש לעבן הן אין שטח, הן אין צייט. פאַרשטייט זיך, נישט אַש און נישט וועלכער־ס׳איז אַנדער פּראָזאַיקער איז ביוכלת געווען אונדז צו געבן אַן אַל־אַרומנעמענדיק, פולשטענדיק בילד פון דעם וואָס הייסט יידיש לעבן. מען קען אָבער נישט לייקענען אַז אַש — מער ווי וועלכער־ס׳איז אַנדער שרייבער — האָט געשילדערט אויף אַ ברייטער קאַנווע און אין אַלערליי פאַרבן די קאָלעקטיווע דערפאַרונגען און דעם סאַמע קיום פון אונדזער פאָלק אין אַ סך טיילן פון דער וועלט. אַזוי אַרום קען מען באַצייכענען אַש׳ס ביכער — זיינע ראָמאַנען, דערציילונגען און דראַמעס — ווי קאַפּיטלען פון איין גרויס ווערק, וואָס האָט געדאַרפט פאַר אונדז אַנטפּלעקן, אויף אַ קינסטלערישן אופן, דעם זין פון אונדזער עקזיסטענץ, די סאַמע קוואַלן פון אונדזער פרייד און צער.

אין דער יוגנט נאָך — ווען ס׳איז דערשינען „דאָס שטעטל" — אין 1904 — האָט שוין אַש געפונען חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון דעם לייענער. ס׳איז געווען ערב־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, און עס האָט זיך געטומלט און גערעשט. אין דער יידישער סביבה האָט זיך דער זייגער אַ רוק געטאָן פאָרויס מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט. ער האָט גערופן און געוועקט צו מעשים און צו האָפענונגען. ס׳איז דאָך אָבער פּאָרט פאַרבליבן אין האַרצן אַ בענקשאַפט נאָך דער וועלט וואָס איז געווען. און דער ניגון אירער האָט עפּעס ווי געשוועבט אין דער לופט, צאַרט און שטיל. אין אַש׳ס „שטעטל" האָט די בענקשאַפט באַקומען אַ לבוש און דער ניגון אַן אינהאַלט. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז אַש האָט זיך שוין מיטן שטעטל געזעגנט, זיך געזעגנט מיט טאַטע־מאַמע, געדריקט די האַנט די איבערגעבליבענע קרובים און פריינד. ער קערט זיך אום ווי א גאַסט — בלויז נאָך אַ מאָל אַ קוק צו טאָן, די בענקשאַפט צו פאַרוויגן און דעם ניגון אויסצוזינגען.

מיטן „שטעטל" האָט אַש צוגעטראָפן בשעתו דעם יינגערן דור — אַלנפאַלס, אַט יענער מחנה וואָס האָט זיך גייסטיק און אידעאיש געריסן פון שטעטל צו דער ווייטער וועלט, וואָס האָט אָפּגעלאַכט פון שטעטל און האָט דאָך געפילט אַ ליבשאַפט צו דעם. אין „שטעטל", „ר׳ שלמה נגיד", אין די ערשטע חלקים פון „קיין אַמעריקע" און „די מוטער", אין אַ היפּשער צאָל דערציילונגען, האָט אַש אַזוי וואַרעם און איידל געמאָלן דאָס פרומע פּאַטריאַרכאַלישע לעבן וואָס איז געווען אין שטעטל ביזן סוף ניינצנטן יאָרהונדערט.

אַש האָט זיך נישט באַגנוגנט דערמיט און ער איז נישט תמיד געווען דער באַזינגער פון שטעטל. ער האָט זיך נישט געלאָזט באַגרענעצן מיט די דלד־אמות פון שטעטל. אויך אין די גרעסערע שטעט האָט זיך די לאַגע געביטן — עקאָנאָמיש, קולטורעל — און ס׳איז נישט געווען קיין גרינגער ענין פאַרן יידישן האַרעפּאַשניק, פאַרן יידישן אַרבעטער אָדער הענדלער אויסצוקעמפן פאַר זיך אַן אָרט, פאַרזיכערן זיך מיט חיונה, פועלן מען זאָל אים באַהאַנדלען מיט איינזעעניש און מיט דרך־ארץ. און אויך די יידישע אינטעליגענץ, באַהעלט מיט נאַאיוון און זיסן אידעאַליזם, האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. „מאָטקע גנב", „מערי", „דער וועג צו זיך", שפּעטער „פאַרן מבול" (דער עיקר דער וונדערלעכער באַנד „וואַרשע") — אין אָט די ראָמאַנען גיט אונדז אַש דעם צווייטן קאַפּיטל פון זיין עפּאָס, פון זיין אַל־יידישן ווערק. נישטאָ דאָ שוין די תמימותדיקע אידיליע פון שטעטל, די שבתדיקע רואיקייט וואָס הילט דאָס שטעטל איין. פאַראַן דאָ אָרעמקייט, נויט, און זינד, פאַראַן דאָ אויך ספקות, אומזיכערקייט און אומרו. ס׳איז אָבער אַלץ אין דער משפחה, צווישן די אייגענע פיר ווענט, און ס׳איז דאָ דער אידעאַליזם — דער נייער, דער פרישער, וואָס איז, אייגנטלעך, דער המשך פון דעם אַלט־אייביקן יידישן בטחון. (דאָס איז אויך חל אויף דער טרילאָגיע „פאַרן מבול", ווו „פעטערבורג" און „מאָסקווע", מחוץ די אייגענע פיר ווענט, זענען אין שאָטן לגבי „וואַרשע").

אַנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז שוין אין אַמעריקע געווען אַ היפּשער און וויכטיקער און אפשר אויך אַ שעפערישער יידישער ישוב. עס האָט זיך דאָ אויף ניי־ערד געפורעמט אַ צענטער, נאָך אַ ריזיקער און גורלדיקער צענטער אין אונדזער לאַנגער געשיכטע. די שורש־נשמה פון אָט־דעם ישוב איז געווען אין מזרח־איראָפּע. זיינע באַלדיקע און מאָנענדיקע פּראָבלעמען אין שייכות מיט דעם פּראָצעס פון „אַמעריקאַניזאַציע" זענען געווען דאָאיקע. פאַר אַ סך איז דער פּראָצעס געווען אַ גרינגער. עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, פאַר וועמען דאָס איז געווען אַ דערנער־וועג. „קיין אַמעריקע", „אַנקל מאָזעס", „חיים לעדערערס צוריקקומען" — דאָס איז דער דריטער קאַפּיטל פון אַש׳ס דיאַספּאָרע־עפּאָס, טיילוויז זיין וועלט־בילד פון אונדזערע תפוצות. אַש׳ס טאָן, אַש׳ס געמיט, אַש׳ס פאַרנעם זענען געווען אייגנאַרטיק. עס איז געווען אַן אונטערשייד צווישן דעם וואָס ער האָט געזען און וואָס עס האָבן געזען די „פּראָלעטאַרישע" פּאָעטן און דערציילער. אַש איז נישט געווען קיין סאָלדאַט אין דער „אַרבעטער־אַרמיי". ער האָט נישט געשטורעמט קעגן דער „רשעותדיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג". ער האָט דערשפּירט די פּאַטעטישקייט — אַ ביסל אויך די טראַגיק — פון דער גאַנצער אימיגראַנטן־משפּחה — סיי פון דעם „אַנקל" וואָס האָט כלומרשט דערגרייכט דעם באַרג־שפּיץ פון דערפאָלג, סיי פון די „לאַנדסלייט" וואָס האָבן געפּראַצעוועט אין סוועט־שאַפּ, סיי פון זייערע קינדער וואָס זענען שוין דאָ געבוירן געוואָרן און האָבן דאָ געוועבט זייערע חלומות פון אייגענעם גליק און פון פרייד און פרייהייט פאַר אַלעמען. ער האָט דערהערט יאָסעלעס שטיל געוויין ביינאַכט אויף זיין איינזאַמען קישן — און יאָסעלע איז געוואָרן דער סימבאָל פון דעם דין־עמפּינדלעכן יחיד וואָס קען נישט אָטעמען אָן זיין שורש־נשמה, וואָס קען נישט טרינקען פון פרעמדע קוואַלן. אַש האָט

איינציקער וועג, וואָס קאָן אַרויספירן דעם עקאָנאָמישן וואָגן אויפן וועג צו אומאָפּהענגיקייט און אויף דעם געביט האָט די ליכוד רעגירונג זיך אָפּאָרטוניסטיש געוואָקלט און גאָרנישט דערגרייכט.

אינעם לעצטן יאָר איז דער צאָלונגס־בילאַנס דעפיציט געווען 3.25 ביליאָן דאָלאַר. דאָס איז אומגעפער נאָמינאַל אַזוי הויך, ווי אין יאָר 1976 נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דער דאָלאַר האָט זיך אין דער צווישנצייט דעוואַלואירט — האָט זיך פּאַקטיש דער דעפיציט פאַרקלענערט. מען מוז אָבער אויך נעמען אין באַטראַכט אַז בלויז צו צאָלן פּראָצענט פאַר די הלוואות אין אויסלאַנד דאַרף די איצ־טיקע רעגירונג גאַנצע צוויי ביליאָנען דאָלאַר אַ יאָר, דאָס איז צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די מדינה באַקומט שטיצע פון אַמעריקע פאַר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אין יאָר 1978 האָט די רעגירונג דערגרייכט אַ גרויסן דערפאָלג אין פאַרקויפן אין אויסלאַנד די ישראל באָנדס פאַר 370 מיליאָנען דאָלאַר. אָבער נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דער פריערדיקער רעזשים האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן פאַרקויפט ישראל באָנדס פאַר פיר ביליאָן דאָלאַר, פאַר אַנטוויקלונגס צוועקן, האָבן די לעצטע 370 מיליאָנען דאָלאַר אַפילו נישט געדעקט די הוצאות פאַרן פּראָצענט פון דעם לאַנגן און גרויסן באָנד־חוב.

פון די דאָזיקע ציפערן איז צו דרינגען, אַז אין דעם איצטיקן מאָמענט מוז זיך ישראל שטיצן אויף די אייגענע אינערלעכע כוחות, ווייל די קאַפּיטאַלן, וואָס קומען אַריין פון אויסלאַנד דעקן אַפילו נישט די הוצאות פאַר פּראָצענ־טער פון אַלטע הלוואות.

ביי אַזאַ צושטאַנד קאָן מען נישט דערוואַרטן עקאָנאָ־מישע נסים איבערנאַכט. ס׳איז אומגלויבלעך, אַז די אָפּאָזיציע וואָלט בעסער געפירט די ווירטשאַפט ווייל פאַקטיש איז דאָך די היינטיקע אָפּאָזיציע פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר דעד טעותדיקער ווירטשאַפט אין די לאַנגע יאָרן, ווען זי האָט געהערשט אין לאַנד.

געוונג צו נעמען איין ביישפּיל. דער פריערדיקער אַרבעטער רעזשים טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די „יורדים”. בלויז אין אַמעריקע און קאַנאַדע זענען פאַראַן 400 טויזנט יורדים. דאָס זענען מערסטנס יונגע פאָר פעלקער, וואָס נאָכן מיליטער דינסט האָבן זיי זיך נישט געקאָנט איינאָרדענען. די רעגירונג, מיט אַלע אַנטוויק־לונגס געלטער פון אויסלאַנד האָט זיי נישט באַזאָרגט מיט אַ דירה. די אַרבעטער רעגירונג האָט אינדעקסירט די שכירות, אַרבעטער לוינען און אַלע פּריוואַטע חובות — אַ חוץ די רעגירונגס לוינען. די אויסדערוויילטע, וואָס האָבן באַקומען רעגירונגס הלוואות צו קויפן הייזער און אויפבויען אונטערנעמונגען, צאָלן אָפּ די חובות מיט קליין־געלט. אַזוי האָט דער רעזשים פאַקטיש פאַרמשכנט דעם יונגערן דור. רעגירונגס הלוואות פאַר הייזער און אונטערנעמונגען (פון אויסלענדישע אַנטוויקלונגס געל־טער) האָבן באַדאַרפן זיין אינדעקסירט אַזוי, אַז פון די פּראָצענטער און קאַפּיטאַל־אָפּצאָלונגען וואָלט די רעגי־רונג געקאָנט שטיצן דעם יונגערן דור זיך איינשאַפן אַ דירה און זיך איינצוגלידערן אין עקאָנאָמישן לעבן, אַזוי זענען זיך אַנטוויקלונגס געלטער צערונען, צעשטערנדיק חלומות פון אַ יונגן דור.

ס׳קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס: אין דער צייט פון דעם רעזשים פון אַן אַרבעטער רעגירונג האָט אויפגעטויכט אין דער מדינה די גרעסטע (פּראָפּאָרציאָנעל) צאָל מיליאָ־נערן.

ס׳אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל, אַז די אינ־פלאַציע אין ישראל איז היינט גרעסער, ווי זי איז געווען. עס אונטערליגט אויך נישט קיין צווייפל, אַז דראַסטישע שריט צו צוימען די אינפלאַציע זענען נישט אָנגענומען געוואָרן באַצייטנס דורך דער ליכוד רעגירונג, אָבער גלייכצייטיק מוז מען פעסטשטעלן, אַז דער לעבנס סטאַנדאַרט פון דער באַפעלקערונג האָט זיך געהעכערט

די מערב לענדער ליידן פון אינפלאַציע (אַ סך אַ קלענערע ווי ישראל) אָבער גלייכצייטיק הערשט אין די דאָזיקע לענדער אַרבעטסלאָזיקייט. דער טרויעריקער נאָ־מען פון דער נייער סאָציאַל־עקאָנאָמישער קראַנקייט איז: סטאַגפלאַציע, און זי איז אָנשטעקנד.

אין ישראל איז נישטאָ קיין אַרבעטסלאָזיקייט. די שכירות זענען אינדעקסירט. דער מענטש אין גאַס באַ־קלאָגט זיך נישט.

אָבער אינפלאַציע איז אַ געפערלעכע סאָציאַל־עקאָנאָ־מישע קראַנקייט, וואָס קאָן צושטערן דאָס געוועב פון דער געזעלשאַפט. נישט די אָדער אַן אַנדערע רעגירונג איז בכוח אָפּצורייניקן דעם געזעלשאַפטלעכן קערפּער פון דעם ביזוויליקן בלאָטער. נאָר אַ געמיינזאַמע אָנשטרענגונג פון דעם גאַנצן פאָלק קאָן לייזן דעם אינפלאַציע פּראָבלעם אין ישראל. דאָס איינציקע וואָס מען באַדאַרף: דעם אַמאָ־ליקן חלוצישן גייסט פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. דאָס קאָן אַרויספירן די ישראל עקאָנאָמיע אויף געזונטע רעלסן.

דער קאַמף קעגן אינפלאַציע איז היינט דאָס געבאָט פון דער שעה. עס איז פון אַזאַ פונדאַמענטאַלע באַדייטונג, ווי דער קאַמף פון דער אַרמיי אויף די פראָנטן און קעגן די טעראָריסטן, ווייל דער קאַמף פאַר עקאָנאָמישער אומ־אָפּהענגיקייט איז דער קאַמף צו פאַרזיכערן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט פון מדינת ישראל.

ד״ר מ. פערשטענדיק

אין זיך, אין זיך, ווי אין אַ הייל אריין
און נישט אין דער נשמה זיך צו גריבלען,
ניט קלייבן קיין פאַרדראָסן און פאַריבלען,
בלויז מיט מיין אייגן מאַמע־לשון זיין
אין די זכרון־זאַלן די גערעמע
זאָל הילכן יעדעס וואָרט פון טאַטע־מאַמע
מיט אַלע טעמען פון די קינדער־יאָרן
עס טאָר קיין פּיטשעווקע ניט גיין פאַרלאָרן.

חיים מאַלטינסקי (ישראל)

אין 1975 האָבן די קאָסטן פון אימפּאָרטירטע וואָפן דער־גרייכט 2 ביליאָן דאָלאַר. צו דעם אַלעם האָט די וועלט אינפלאַציע אין די יאָרן 1974־75 פאַרערגערט די עקאָ־נאָמישע לאַגע אין מדינת ישראל, וואָס אימפּאָרטירט כמעט אַלע רוישטאָפן, ווייל דער פּרייז פון די רוישטאָפן איז קאָלאָסאַל געשטיגן אויפן וועלט־מאַרק. אַזוי אַרום איז דער דעפיציט פון דעם צאָלונגס־באַלאַנס, פון 500 מיליאָן ביז אין ביליאָן, געשטיגן ביז 3־4 ביליאָן דאָלאַר אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

די רעגירונג פון יצחק ראַבין האָט איינגעזען די געפאַר און פאַרשטאַנען, אַז דער איינציקער וועג צו פאַרקלענערן דעם דעפיציט איז צו באַגרענעצן די קויף־קראַפט פון דער באַפעלקערונג. אַזוי זענען געהעכערט געוואָרן די שטייערן; געוויסע סובסידיעס זענען פאַרקלענערט געוואָרן און די ישראל־וואַלוטע האָט דורכגעמאַכט מאַנאַטלעכע דעוואַלואַציעס וואָס האָבן פאַרטייערט דעם אימפּאָרט און אָפּגעקילט דעם וווּקס פון דער עקאָנאָמיע.

לויט דער אויבן דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג אין „פאָרעין אַפעירס" האָט די אַרבעטער רעגירונג פּאַקטיש פּראָדו־צירט אַן עקאָנאָמישע רעצעסיע, ווייל ס'איז איר נישט געלונגען צו רעדוצירן די קויף־קראַפט פון דער באַפעל־קערונג און דער אויפגעבלאָזענער מלוכה־סעקטאָר פון דער עקאָנאָמיע האָט נישט גענוג פּראָדוצירט. אָבער עס איז דער רעגירונג געלונגען צו פאַרקלענערן דעם דעפיציט פון 4 ביליאָן ביז 3,3 ביליאָן דאָלאַר.

די „נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק" פון ליכוד האָט געצילט צו סטימולירן דעם ישראל־עקספּאָרט און אַריינ־ציען אויסלענדישן קאַפּיטאַל פאַר אַנטוויקלונג. די וואַלוטע קאָנטראָל איז אָפּגעשאַפן געוואָרן. דער ישראל פונט דאַרף געפינען זיין ווערט אויף דער פרייער בערזע. אָפּגע־שאַפט סובסידיעס פאַר עקספּאָרט פון אַרטיקלען, וואָס זענען נישט קאָנקורענץ פעאיק (אָן סובסידיעס) און אויך רעדוצירט די סובסידיעס פאַר אַרטיקלען פון ערשטן געברויך אויף דעם אינערלעכן מאַרק. (אגב, די אַרבעטער רעגירונג האָט נישט געהאַלטן חשבון. מ'האָט אימפּאָרטירט ווייץ און צוקער, סובסידירט דורך דער רעגירונג, אַ סך מער, ווי די ישראל באַפעלקערונג האָט געקאָנט קאָנסו־מירן. דער סוד איז געווען, אַז דעם סובסידירטן עודף האָבן שפּעקולאַנטן אַרויסגעשמוגלט צו די אַראַבישע לענדער).

לויט דער אָפּשאַצונג פון דער ליכוד רעגירונג וואָלט ישראל אין 1984 זיך מער נישט געניטיקט אין דעם ביליאָן דאָלאַר אַ יאָר, וואָס זי באַקומט פון אַמעריקע אַלס עקאָנאָמישע שטיצע, פאַרשטייט זיך אויב אַלץ וועט גיין גלאַטיק לויט דעם פּלאַן, וואָס וועט דעוואַלואירן דעם פונט; ביליקער מאַכן דעם עקספּאָרט; צווינגען די עקס־פּאָרטערן צו קאָנקורירן אויפן וועלט־מאַרק מיט אייגענע כוחות. דאָס הייסט: מער פּראָדוצירן און עקאָנאָמישער פּראָדוצירן.

די קריטישע אָפּהאַנדלונג אין „פאָרעין אַפעירס" שטרייכט אונטער, אַז אין אַ געוויסער מאָס איז דער פּלאַן געלונגען. דער עקספּאָרט איז געשטיגן מיט 25 פּראָצענט אינעם לעצטן יאָר, טראָץ דעם, וואָס ישראל האָט פאַרלוירן דעם מאַרק אין איראַן (200 מיליאָנען דאָלאַר אַ יאָר) אויך דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל האָט אינוועסטירט 50 פּראָצענט מער, ווי אין דעם לעצטן יאָר פון דער אַרבע־טער רעגירונג.

און דאָך איז די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון ליכוד געווען אַ דורכפאַל אין ברייטערן זין, ווייל די פרייע מאַנעטאַרע פּאָליטיק איז נישט פאַרבונדן געוואָרן מיט רעדוצירן דעם אויפגעבלאָזענעם בודזשעט, וואָס איז פּאַקטיש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אינפלאַציע.

פון דער צווייטער זייט מוז מען נעמען אין באַטראַכט, אַז די רעגירונג האָט נישט קיין גאָר גרויסע מאַנעווורי־מעגלעכקייטן אין רעדוצירן דעם בודזשעט, ווייל די מיליטער אויסגאַבן: די סאָציאַלע הילפספאָנדן און די פונדאַמענטאַלע רעגירונגס באַדינונגען, וואָס טרייבן די רעדער פון דער מדינה — עסן אויף מער ווי אַ העלפט פונעם בודזשעט און דאָס רעשט גייט אויף צו באַצאָלן די פּראָצענטער פאַר די אויסלענדישע הלוואות, וואָס די פריערדיקע רעגירונגען האָבן געבאָרגט.

אַ קליינער פאַרגלייך וועט אילוסטרירן די דילעמע פון מדינת ישראל. די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע גיבן אויס קוים 6 פּראָצענט פון דער נאַציאָנאַלער פּראָ־דוקציע פאַר מיליטערישע צוועקן, ישראל מוז אָפּגעבן דרייסיק פּראָצענט פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער פּראָ־דוקציע, פאַר מיליטערישע צוועקן. אַ חוץ דעם מוז יעדער אין עלטער פון 22 ביז 55 דינען איין חודש אין רעזערוו. דאָס רעדוצירט די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע מיט ווייטערע 6 ביז 8 פּראָצענט.

די אָפּהאַנדלונג אין „פאָרעין אַפעירס" שטרייכט אונטער: „כל זמן דאָס פאָלק געפינט זיך אין אַ באַלאַגע־רונגס צושטאַנד, זעט עס נישט אויס וואַרשיינלעך, אַז אַ ישראל רעגירונג פון רעכטס אָדער לינקס וועט אַ סך ענדערן די איצטיקע עקאָנאָמישע פּאָליטיק"... ווייל אַ חוץ מיליטערישע אויסגאַבן, מוז אַ באַלאַגערט פאָלק זיין פאַרזיכערט מיט אַרבעט און מיט אַ געהעריקן לעבנס סטאַנדאַרט.

אָביעקטיוו אָבער הייסט דאָס נישט, אַז די ליכוד רעגירונג האָט נישט געמאַכט קיין פעלערן אויפן געביט פון דער עקאָנאָמישער לייטונג. די הויפּט פעלערן זענען: די צאָל רעגירונגס אָנגעשטעלטע האָט זיך פאַרגרעסערט. זי האָט דערלויבט די אַרבעטס־לוינען צו וואַקסן שנעלער און גרעסער, ווי די אינפלאַציע און פּראָדוקטיוויטעט. זי האָט דערווייל גאָרנישט אויפגעטאָן אויפן געביט צו סאַנירן די נישט עפעקטיווע רעגירונגס־אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיקן אַ העלפט פון דער גאַנצער אַרבעטער־שאַפט אין אַ לאַנד ווו קוים 25 פּראָצענט פון די אַרבעטער זענען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע. פאַר דעם טרויעריקן צושטאַנד פון דער דאָזיקער ירושה איז די ליכוד רעגירונג נישט פאַראַנטוואָרטלעך. אָבער זי איז פאַר־אַנטוואָרטלעך וואָס אין משך פון די צוויי יאָר האָט זי גאָרנישט געטאָן דעם דאָזיקן צושטאַנד צו ענדערן.

די סאַנאַציע פון דעם דאָזיקן צושטאַנד איז דער

דר. מ. פערשטענדיק

# קאַמף קעגן אינפלאַציע — דער נייער פראָנט

אין שמועסן וועגן ישראל איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין דער מדינה אויפן ערשטן אָרט: „אינפלאַציע" „בעגין איז נישט קיין עקאָנאָמיסט, דערצו איז ער קראַנק", „שמחה ערליך, וואָס פאַרשטייט זיך ווי אַן אָפּטאָמעטריקער אויף פינאַנסיעלע ענינים פון אַ מלוכה און נאָך דערצו אין ישראל" א.א.וו. „אַזוי זינקט די עקאָנאָמישע שיף אַן אַ רודער"...

ס'איז בלי ספק, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע געהערט צו די פונדאַמענטאַלסטע פּראָבלעמען פון דער מדינה. די פראַגע איז נישט ווי ווייט שמחה ערליך איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דעם צושטאַנד פון דער עקאָנאָמיע, די פראַגע איז אויך נישט צו דער נייער פינאַנס־מיניסטער יגאל האָרוויץ איז בכוח צו לייזן די עקאָנאָמישע פּראָבלע־מען פון מדינת ישראל, סאַנירן די עקאָנאָמיע און אַרויפ־פירן די מדינה אויפן וועג פון עקאָנאָמישער אומאָפּהענ־גיקייט אין דער קורצער צייט פאַר די נאָענטסטע וואַלן. די פראַגע איז: צו איז די אָפּאָזיציע פעאיק און בכוח צו לייזן די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער מדינה? די פראַ־גע איז אויך אויף ווי ווייט די היינטיקע עקאָנאָמישע לאַגע איז די ירושה פון דעם פריערדיקן רעזשים, פאַר וועלכן די היינטיקע אָפּאָזיציע איז פאַראַנטוואָרטלעך? די פראַגע איז, ווי ווייט איז די היינטיקע עקאָנאָמישע לאַגע דער סינדראָם פון די ספּעציפישע באַדינגונגען פון מדינת ישראל זייט איר אַנטשטייאונג, באַדינגונגען, וואָס זענען אומאָפּהענגיק פון דעם אָדער יענעם רעזשים. די פראַגע איז: ווי שלעכט איז די לאַגע און צו איז אָביעקטיוו פאַראַן אַ מעגלעכקייט אַרויפצופירן די מדינה אויפן וועג פון עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט? די לעצטע פראַגע (און די וויכטיקסטע) איז: ווער קען דאָס דערגרייכן?

די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל איז געשטאַנען אין שאָטן פון אַ טיפן עקאָנאָמישן קריזיס. נישט קיין ווונדער. אין משך פון דריי און אַ האַלב יאָר האָט דער קליינער ישוב פון 650.000 נפשות זיך מער ווי פאַרדאָפּלט, אַבסאָר־בירנדיק 684.000 ייִדן. אַ סאָציאַל־עקאָנאָמיש געשעעניש, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער געשיכטע. די לאַגער־ייִדן פון דייטשלאַנד; די שארית הפליטה פון אייראָפּעאישן ייִדנטום; די עוואַקואַציע פון די תימונער ייִדן; פון איראַק און אַנדערע אָריענטאַלישע לענדער. זיי אַלע זענען געקומען נאַקעט און באָרוועס און זענען אַבסאָרבירט געוואָרן דורך אַן אָרעמען ישוב.

דער פּראָצעס פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג האָט זיך אָנגעהויבן אין 1952 און אין משך פון 15 יאָר האָט די וועלט באַוווּנדערט דאָס וואַקסן פון דער ישראלדיקער עקאָנאָמיע. די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע איז געוואַקסן אַן ערך צען פּראָצענט אַ יאָר (נאָר דריי אַנדערע לענדער האָבן געהאַט אַן ענלעכן רעקאָרד: יאַפּאַן, דרום קאָרייע און טייוואַן) פאַרשטייט זיך, אַז ישראל — נישט האָבנדיק קיין אייגענע נאַטירלעכע אוצרות, האָט געקאָנט דערגרייכן אַזאַ אַנטוויקלונג נאָר מיט דער הילף פון אויסלענדישע קאַפּיטאַלן. פון 1950 ביז 1973 האָט ישראל באַקומען 18 ביליאָנען דאָלאַר אין הילף און הלוואות פון אַמעריקע; שטיצע פון וועלט ייִדנטום; פון פאַרקויפן ישראל־באָנדס און פון דייטשע רעפּאַראַציעס.

אין אַ אָפּהאַנדלונג וואָס איז לעצטנס דערשינען אין „פאָרין אַפּעירס"* ווערט אויפגעוויזן, אַז פאַר די „6־טאָג מלחמה" איז ישראל געווען אויף דעם וועג צו דערגרייכן אַ פּאָזיטיוון צאָלונגס־באַלאַנס אין אָנהויב פון די 1970־סטע יאָרן און אַזוי אַרום דערגרייכן עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט.

דער גרויסער מיליטערישער נצחון אין דער זעקס טאָגיקער מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט דעם ווענד־פּונקט צום שלעכטן אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג.

די אויסגאַבן פאַר מיליטערישע צוועקן האָבן זיך מער ווי פאַרדאָפּלט (פון 11,5 פּראָצענט פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע 1966 ביז 24.1 פּראָצענט אין 1972 און דער אימפּאָרט פון וואָפן איז געשטיגן פון 116 מיליאָן דאָלאַר ביז מער ווי 800 מיליאָן).

די יום כיפור מלחמה האָט די לאַגע נאָך פאַרערגערט.

* „פארעין אפעירס"—דריי מאנאט צייטשריפט. זומער אויסגאבע 1979. ארויסגעגעבן אין אמעריקע, דורכן ראט פאר אינטערנאציאנאלע באציאונגען.

---

וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם פייער פון געשיכטע — און נישט צעשמאָלצן געוואָרן. מדינת ישראל האַלט אויף ייִדישקייט מיט אַן אייגענער ייִדישער שפּראַך, וועלכע דינט סיי דעם רעליגיעזן ייִד און סיי דעם וועלטלעכן.

מיר דאַרפן דאָס האָבן אין זינען, און נישט דערוואַרטן פון דער לאַנד־שפּראַך, זי זאָל זיין דער אינסטרומענט פון אויפהאַלטן ייִדישקייט.

די געשיכטלעכע דערפאַרונג האָט אונדז געלערנט, אַז נישט נאָר רעליגיע — נאָר אויך לשון — איז געווען די ראָם אַ דאַנק וועלכער ייִדן זענען געבליבן ייִדן.

דאָס פעלן פון אייגענעם לשון — האָט אָפּגעפרעמדט דעם יונגנטלעכן פון ייִדישע פּראָבלעמען; ער האָט נישט קיין אינטערעס פאַר זיי. ער באַטראַכט זיי פאַר אַן אַנאַכראָניזם פון דער אַלטער היים; פון אייראָפּע. צוליב איגנאָראַנץ באַפרייט ער זיך פון געזעלשאַפטלעכן עול.

עס קען נישט זיין קיין ייִדישקייט — אָן ייִדיש לשון.

אַז מען האָט דאָס אין זינען — האָט מען שוין במילא אין זינען די צוקונפט אין דעם גורל פון אונדזער ייִדישער קהילה.

מ. א.

האָבן געהאָפט — אַז דורך נאָכגעבן היטלערס פאָדערונגען — קאָנען זיי אויסמיידן אַ מלחמה. דאַרף מען עמעצן דערמאָנען טשעמבערליינס האָפערדיקע רעדע וועגן „געזיכערטן שלום״?

די חוצפּה און הפקרות וועלכע ס׳וויזן ארויס די שייכן און די אַיאַטאָליס, וואָס שפּילן — ווי היטלער אויף דער צעקראָכנקייט פון מערב, וועלכער קלאַמערט זיך אין פּרינציפּן פון וועלכע די אַנדערע האָבן אפילו קיין אַנונג נישט— באַווייזט, אַז אויך זיי האָבן פאַרברענט די געשיכטע ביכער, און האָבן פאַרגעסן היטלערס סוף.

עס איז אַן אַלטער כלל: דער קרוג טראָגט אַזוי לאַנג וואַסער, ביז דאָס אויער ברעכט זיך אָפּ...

דאָס וועט וואַרשיינלעך זיין דער לעצטער עטאַפּ פון די איסלאַמישע, וועלט־באַהערשערישע אַמביציעס — אָדער — דער סוף פון דער מערב־ציוויליזאַציע.

די געשיכטלעכע רעזולטאַטן וועלן אויף זיך לאַנג נישט לאָזן וואַרטן...

# זאָרג פאַרן מאָרגן

מיר האָבן נישט קיין אַל־פאָלקישע אַספּיראַציעס. מיר שטעלן נישט אַוועק (און קלייבן זיך נישט צו פאַרענטפערן) די פונדאַמענטאַלע פראַגע: גייסטיקער המשך פון פאָלק. מיר זענען אַ לאָקאַלער זשורנאַל און באַמיען זיך צו ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף פּראָבלעמען מיט וועלכער מיר טרעפן זיך שוין אָן, און וועלכע ווערן וואָס אַ יאָר — אַלץ דראַסטישער — און זייער פאַרענטפערונג — אַלץ דרינגענדער.

אין חודש דעצעמבער פאַרענדיקט זיך דאָס שול־יאָר אין אויסטראַליע. טויזנטער קינדער פאַרלאָזן די שולן. אַ גרויסער טייל פאַרבינדט זייער צוקונפט מיט אוניווערסיטעט־בילדונג; אַנדערע באַמיען זיך איינצוגלידערן אין דער ווירטשאַפט. אין די יידישע שולן — ווי אין די אַלגעמיינע — קומט פאָר דער זעלבער פּראָצעס.

די יידישע טאָג־שולן — ווי פּריוואַטע שולן בכלל — שטייען פּעדאַגאָגיש אויף אַ העכערן ניוואָ, במילא, איז נישט שייך צו דיסקוטירן (און אָפּשאַצן) די דערגרייכונגען פון די שילער.

עס איז אָבער יאָ נויטיק אַוועקצושטעלן די מאָראַלישע פראַגע: ווי ווייט די יידישע שולן באַווייזן איינצופלאַנצן אין קינד די יידישקייט -- צוליב וועלכע די שול איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן.

דער באַגריף: יידישקייט איז אָבער געוואָרן אַזוי קאָמפּליצירט, אַז אויף אים צו באַגרינדן, זענען שוין אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אַ שיעור טעאָריעס, וועלכע זוכן טייל מאָל צו באַרעכטיקן דאָס — וואָס עס לאָזט זיך נישט באַרעכטיקן.

עפּעס ענלעכעס איז פאָרגעקומען אין ישראל, ווען מען האָט אוועקגעשטעלט אויפן טאָג־אָרדענונג די פראַגע: ווער איז אַ ייד?

וואָס פאַראַ נוצן (פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק) האָט געהאַט דאָס אַוועקשטעלן די פראַגע בכלל, איז שווער צו פאַרשטיין.

לויטן ישראלדיקן געזעץ וועגן „רעכט פון צוריקקער״ האָבן אַלע יידן דאָס רעכט, אָן שום באַגרענעצונגען ארייַנקומען קיין ישראל. לאָמיר זיך מודה זיין — נישט אַלע יידן ווילן גענישן פון אָט דער פּריווילעגיע. טאָ וועלכער נישט־ייד וועט זיך ווען מאַסקירן פאַר אַ ייד, כדי צו ווערן אַ בירגער פון ישראל, אַז צוליב דעם זאָל מען דאַרפן שאַפן אַ מאָס צו מעסטן די יידישקייט?

אָבער דער ענין גופא האָט ארויסגערופן אַ גאָר הייסע דיסקוסיע און אפילו בייז בלוט, און אַ פאַרמעסט צווישן רעליגיעזן לאַגער און וועלטלעכן.

ווען מיר פּרובירן פרעגן: וואָס איז יידישקייט, וועלן מיר הערן אַן אַלגעמיינעם ענטפער: עס איז דאָ די מאָונט־סקאָפּוס יידישקייט; און די ישיבה־יידישקייט; און די בית־רבקה יידישקייט; און די ליובאַוויטשער, און ליבעראַלע יידישקייט (קינג דייוויד שול) ביאַליק, יבנה, שלום־עליכם־קאָלעדזש — אַ חוץ זונטיק־שולן ווי י. ל. פּרץ און שלום־עליכם.

עס איז נישט שייך צו האָבן טענות. שולן ווי שלום־עליכם־קאָלעדזש אָדער ביאַליק, יבנה — זענען יונגע שולן. אָבער די מאָונט־סקאָפּוס אָדער ישיבה: וואָס האָט זייער יידישקייט בייגעשטייערט צו אונדזער יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן? ווו זענען די יונגע מענטשן, וועלכע דאַרפן היינט־מאָרגן איבערנעמען די פירערשאַפט פון דער קהילה?

די שולן, וואָס לייגן דעם טראָפּ אויף רעליגיעזער דערציאונג, וועלן אוודאי ענטפערן — אַז זיי דערפילן בשלימות זייערע געשטעלטע אויפגאַבן. די רעליגיעזע דערציאונג שטאַרקט דעם דת, און דורך דעם — די צוגעבונדנקייט צום פאָלק. מיינט עס — אַז די וועלטלעכע יידן קומען נישט אריין אין חשבון פון זייער באַגריף פון יידישקייט.

אָבער דער ישוב באַשטייט דאָך נישט אויסשליסלעך פון רעליגיעזע יידן — דאַרפן מיר דאָך האָבן געזעלשאַפטלעכע פירער וואָס זאָלן קאָנען פאָרמירן דעם גייסטיקן פּנים פון דער קהילה — ווי אַ צווייג פון יידישן פאָלק, און נישט ווי אַ רעליגיעזע סעקטע, ווי עס זענען למשל די אויסטראַליער פון פּראָטעסטאַנטישן גלויבן.

דורך דורות — צוליב פאַרשידענע סיבות — האָט זיך אויספאָרמירט אַ באַזונדערער נוסח פון באַגריף: ייד — ביי נישט־יידן ווי ביי יידן גופא.

יידישקייט (אפילו רעליגיעזע) אויף ענגליש, האָט נישט אין זיך דעם וואָרצל, וואָס זאָל זיין שטאַרק גענוג ער זאָל זיך קאָנען קלאַמערן אין דעם האַרטן יידישן באָדן. מיטן מאָמענט ווען דער בחור אָדער דאָס מיידל ווערט אויס רעליגיעז — איז שוין מער גאָרנישט דאָ, וואָס זאָל אים אָדער איר פאַרבינדן מיטן פאָלק.

פון דער צווייטער זייט האָבן מיר געזען, אַז וועלטלעכע יידן, אפילו פריידענקער זענען מיט טויזנטער פעדעם פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק — ווייל זיי האָבן אַן אייגענע שפּראַך — יידיש — ווייל זיי זענען פאַרבונדן מיט אַ קולטור און ליטעראַטור וואָס איז אויסשליסלעך זייערס;

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

דעצעמבער 1979 נומער 9 (20) מעלבורן, אויסטראַליע

# מאַכט – און אָנמעכטיקייט...

מאַכט רעפּרעזענטירט דעם כוח — אויף וועלכן די מאַכט באַזירט זיך. די קוועלע פון מאַכט קען זיין אַ פיזישע (מיליטער); אַ גייסטיקע (טעכנאָלאָגישע, וויסנשאַפטלעכע העכערקייט) פינאַנסיעלע (עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אָדער עקאָנאָמישער דרוק).

אַמעריקע פאַרמאָגט די דריי הויפּט עלעמענטן, וועלכע רעפּרעזענטירן מאַכט. אין משך פון צענדליקער יאָרן איז עס געווען די פאָרמולע, לויט וועלכער רעגירונגען האָבן אָנגענומען זייערע באַשלוסן. זיי האָבן ניט געקאָנט ארויס־לאָזן פון חשבון — ווי אַזוי אַמעריקע קאָן רעאַגירן אויף דער, אָדער יענער האַנדלונג. נישט נאָר קליינע, עקענאָמיש נישט אַנטוויקלטע און מיליטעריש שוואַכע מדינות האָבן גאָר שטאַרק זיך געמוזט רעכענען מיט דער רעאַקציע פון אמעריקע אויף זייערע האַנדלונגען, אויך שטאַרקע, גוט־אַנטוויקלטע און עקאָנאָמיש־סטאַבילע מלוכות האָבן תמיד געמוזט דיסקוטירן זייערע באַשלוסן, זיי זאָלן זיך אריינ־פּאַסן אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער סטרוק־טור — פון וועלכער אַמעריקע איז געווען דער הויפּט־אַרכיטעקט.

אַפילו סאָוויעט־רוסלאַנד, אַליין אַ סופּערמאַכט, האָט אויך געהאַלטן פאַר נויטיק צו לאָזן וויסן אַמעריקע איר באַשלוס פון באַזעצן טשעכאָסלאָוואַקיע — איידער די אינ־וואַזיע איז פאָרגעקומען.

דער פאַל אָבער מיט דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין טעהעראַן (איראַן) וואָס איז אָקופּירט געוואָרן דורך פאַנאַטישע סטודענטן, אויפגעהעצט (און שטילערהייט איינ־ספּירירט) דורכן פאַנאַטיש־פאַרבלענדט, מאַכט־גיריקן אַיאַטאָלי כאָמעיני — האָט געמאַכט א תל פון דער פאָר־מולע — וואָס מאַכט רעפּרעזענטירט, און ווער די מאַכט איז — און די באַציאונגען צו איר.

כאָטש דאָס אָקופּירן פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע איז — ווי יעדער אַקט פון גוואַלד, געווען אַ פלוצלינגדי־קער איבערפאַל, איז עס דער רעזולטאַט פון אַמערי־קעס וואַקלענדיקער האַלטונג אין די לעצטע עטלעכע חדשים.

אַמעריקע האָט אליין צונישט געמאַכט איר פּרעסטיזש. דורך איר אומבאַהאָלפנקייט, נישט־דעצידירנדיקער האַנד־לונג אין באַצוג צו די געשעענישן אין איראַן. איר פּאָלי־טישע צעקראָכנקייט האָט צוגעגעבן מוט די מוסולמענישע פאַנאַטיקער וועלכע ווילן צוריקדרייען דעם זייגער פון געשיכטע כאָטש אויף עטלעכע הונדערט יאָר, ווען די מוסולמענער זענען געווען אַ וועלט־מאַכט.

מיר נעמען אויך אין אַכט — אַז אין די הענט פון די פאַנאַטיקער ליגט אַ מעכטיק געווער — נאַפט — וועלכן די אַראַבער מאַניפּולירן, און פון וועלכן עס איז אָפּהענגיק די טעות'דיקע האַנדלונגען פון אמעריקע.

ווי נעבעכדיק אַמעריקע מוז אויסזען אין די אויגן פון די נישט־אַנטוויקלטע, פּרימיטיווע לענדער (זיי זענען היינט די מערהייט אין דער יו־ען), וועלכע קאָנען זיך נישט אויף די דיפּלאָמאַטישע דריידלעך און פאַר וועלכע צוויי מאָל צוויי — איז נאָך אַלץ פיר. דאָס מעכטיקע אַמעריקע מוז אָנקומען צו דער פּ.ל.אָ. — אַ טעראָר־אָרגאַניזאַציע וועלכע איז נאָר אויף אַזוי פיל אַ כוח — אויף וויפל מען טאָלערירט די פּאַלעסטינער (אַן אָרגאַניזאַציע וואָס אַמע־ריקע אָנערקענט נישט) זי זאָל פאַרמיטלען אין דער באַ־פרייאונג פון די ערובניקעס — אַמעריקאַנער בירגער, פאַרכאַפּטע אין דער אַמבאַסאַדע.

אין דער טרויעריקער לאַגע — פון אוממעכטיקע ריזן — איז אמעריקע נישט אליין. אָט האָט מערב־דייטשלאַנד — איינע פון די שטאַרקסטע ווירטשאַפטלעכע און אינ־דוסטריעלע מאַכט אין אייראָפּע — קאַפּיטולירט פאַר דער פּ.ל.אָ., און באַפרייט 2 טעראָריסטן וועלכע מ'האָט געכאַפּט אריינשמוגלען קיין דייטשלאַנד פון עסטרייך 45 קילאָ אויפ־רייס־מאַטעריאַל, עלעקטרישע דעטאָנאַטאָרס, אונטערהע־רונגס־אַפּאַראַטן. נאָך עטלעכע וואָכן זיצן אין תפיסה, זע־נען זיי אַרויס ווי פרייע מענטשן, ווייל — די מערב־דייטשע רעגירונג האָט מורא פאַר רעפּרעסיעס, פאַר אַן איבערחזרונג פון דעם פאַל מיט דער אַמעריקאַנער אַמבאַ־סאַדע אין איראַן. די באַהאַלטענע כוונה פון דער באַפריי־אונג איז קלאָר: נישט אויפצורייצן די, אין וועמענס הענט עס ליגט דער כוח צוצודרייען, אָדער אויפצודרייען די קראַנען, דורך וועלכע עס פליסט דער נאַפט.

עס דוכט זיך: דער מערב — מיט אמעריקע אין דער שפּיץ — האָבן פאַרברענט די בלעטלעך פון דער געשיכ־טע, כדי מען זאָל זיי נישט דערמאָנען אין די פעלערן, וועלכע זיי זענען באַגאַנגען אין די דרייסיקער יאָרן. זיי

# דער דיכטער יוסף קערלער — גאַסט פון „קדימה"




דאָס פּרעזידיום (פון לינקס): יוסף אָרבאַך, משה אייזענבוד, יאַשע שער, סענדער בורשטין.
עס רעדט — יוסף קערלער.



גרויסער עולם אויפן פייערלעכן קבלת־פנים פאַר יוסף קערלער

אויף דער איינלאַדונג פון דער „קדימה", האָט דער סאָוויעטיש־יידישער דיכטער — יוסף קערלער פאַרבראַכט אַ חודש צייט אין מעלבורן. אין משך פון דער צייט האָט דער גאַסט געהאַלטן 7 רעפעראַטן, אין וועלכע ער האָט אונדז עמאָציאָנעל אריינגעפירט אין דער אַטמאָספער און באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו לעבן און שאַפן יידישע פּערזענלעכקייטן, טעאַטער־קינסטלער און סתם יידן — צוגעבונדן צו יידישקייט, זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — ביז די טעג פון דער רעהאַביליטאַציע...

לכבוד דעם גאַסט האָט די „קדימה" איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע אויפנאַמע, אונטערן פאָרזיץ פון „קדימה"־פּרעזידענט פר' יאַשאַ שער.

באַגריסט דעם גאַסט האָט דער ערן־סעקרעטאַר פון „קדימה", דער שרייבער משה אייזענבוד.

(די באַגריסונגס ־ רעדע ברענגען מיר אויף זייט 13).

יוסף קערלער איז נישט נאָר אַ באַגאַבטער דיכטער, ער איז אויך אַ האַרציקער מענטש, און האָט איבערגעלאָזן אַ וואַרעם געפיל ביי זיינע פריינד.

לויט קערלערס איניציאַטיוו דערשיינט אין ירושלים דער אָנגעזעענער זשורנאַל „ירושלימער אַלמאַנאַך" וואָס פאַרנעמט זיך דער עיקר מיט די פּראָבלעמען פון די סאָוויעטישע עולים.


דעם טיפסטן מיטגעפיל דריקן מיר אוים אונדזער חבר און פריינד

**יודל קערש און זיין פאַמיליע**

צוליבן טויט פון זיין לעבנס־באַגלייטערין

**ראָזאַ קערש**

רחל האָלצער
מאַלאַ און יוסף אָרבאַך
מארישע און פּיניע קרישטאַל
יהודית און גוטעק וואַרשאַווסקי

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:

מ. א. · מאַכט און אָנמעכטיקייט; זאָרג פאַרן מאָרגן . . . . . 1

ד"ר מ. פערשטענדיק קאַמף קעגן אינפלאַציע — דער נייער פראָנט . . . . 3

ד"ר עזריאל נאַקס — שלום אַש . . . . . . . . . . . . . . 5

ח. מאַלטינסקי — ליד . . . . . . . . . . . . . . . 5

לוי שאַליט — זייערע קינדער . . . . . . . . . . . . 8

וו. יאַבלאָנסקי — „סאַמאיזדאַט" אין קאָמוניסטישן פוילן . . . . . . .. 10

י. אָרבאַך — מיין לערער מאַקס עריק . . . . . . . . . . 11

מ. אייזענבוד — דעם פּאָעט יוסף קערלערן -- מיט פריינדשאַפט . . . 13

ס. ראַבינאָוויטש -- דער „הזמיר"-כאָר אין דער „זמריה" פון שלום 1979 . . 15

ספּעקטאַטאָר — אַ — די יידישע מאַמע . . . . . . . . . . 17

י. מ. לעווין — תנך פּאָעמעס פון הירש אָשעראָוויטש . . . . . . . 18

ש. בענעט — אַ יידישע „קאָנוויקט"-פרוי אין אויסטראַליע . . . . . 20

קינדער שרייבן . . . . . . . . . . . . . . 22

פרייז 1 דאָלאַר

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 9 (20) דעצעמבער 1979